STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06746

FUN ALE NA-VENADN

Yaacov Glantz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אַלע נע־ונדן



יעקב גלאַנץ

יעקב גלאַנץ

פון אַלע נעװנדן

ג ע ז א ַ מ ל ט ע   ל י ד ע ר

א

●

פאַרלאַג „כרמל־אַרט"
מעקסיקע 1974

* * *

דעמאָלט נאָר,
ווען ווערטער מערן זיך,
און ס׳מוז אַ וואָרט אַן איינציקס נאָר
דיר קומען אויפֿן צונג
פֿון ווערטער־איבערבלײַב,
וואָס ווערן זיך, —
דאָס וואָרט דאָס איינציקע
פֿאַרשרײַב.

און דעמאָלט נאָר,
ווען האַרץ דײַנס האָלביקט זיך,
און אַלץ וואָס דרויסנדיק
דיר אויגן ווערט, ווי לײַב,
און ווייטיק דײַנער פֿאַלביקט זיך, —
פֿאַרשרײַב.

מיין שבט נע־ונדער

דער דאָרן אין מדבר

האָסט אים אָפּגעפּונען —
פֿון זון און יאָרן
דעם פֿאַרטריקנטן דאָרן אין מדבר.
דער ברונעם איז פֿאַרשאָטן,
און נאָך שאָטענען די קעמלטריט
געבויגענע אין דרײַען.
דו האָסט אין רעיון
אויפֿגעשטעלט דײַן וועלט פֿאַרלוירענע,
און זי צעבליט זיך דאָ פֿאַר דיר
מיט טיר צעעפֿנטער אין זונפֿאַרגאַנג.

מאַרבידע מדבר-פֿאַרבן בליִען,
און די קעמלען וואַרטן מידע
אויפֿן וווּנדער פֿון די קוואַלן.
און דו אין פֿאַלן דײַנעם ביסט אַליין,
מיט וווּנד מיט רויער נישט פֿאַרבונדן —
זי האַלט זיך קוים אין לעשן.
און נאָר ווען ווינטן העשען
מיט כּלערליי כּליפּן,
דערציילן זיי פֿון ס'נײַ דיר
פֿון וווּנדער-וואַנדלונגען און וואָגל
און פֿון לאָגל טרייסט
נאָך נישט דערשעפּטן
און פֿון טאָג נישט דערלעבטן אין גאַנג נאָך.
דען דו ביסט קראַנק נאָך אין דײַן בראָך, —
אין גראָען מדבר-רויך פֿון נעכט
גייט אָן נאָך דײַן געפֿעכט דאָרט מיטן מלאך.

מיַין שבט נע־ונדער

מיַין טיר איז אָפֿן
אין הויז פֿון דימענטן,
אויסגעבויט פֿון ווינט.

אַ טאָג — אַ שפּאַן,
אַ טאָג — אַ קאַראַוואַן
אין מדברדיקע זאַמדן,
פֿירט מיך אַ פֿאַרזאַמטן
דורך בערג אַנגעשאָטענע,
אַנשאָטנדיקע, גייענדיקע בערג דאָ
פֿון מיַין אומה
אויף אויפֿגעריריטער ערד דאָ.

אַנגעשאַרפֿטע שווערד פֿון וועג
פֿאַלט אין אַפּגרונט
טיף אַרונטער מיט געהילך.
און אין מהלך־וויַיט
פֿון מילכוועג
די קויל פֿון ערדקיַילעך
פֿאַרקוילערט זיך אַנקולותדיק
אין זיך פֿאַרשלינגדיקע קריַיזן.

פֿאַרהאַנגען פֿון איַיזן און פֿון גאָלד
פֿאַרשטעלן די אַרויסגענג פֿון דער נאַכט.
די אויסוועגן אויף ריגלען צוגעמאַכט,
פֿאַרשלאָסן —
און מיט גושן־פֿינצטערניש פֿאַרגאָסן.
די מזלות גייען:

דער שטערנבער,
פֿאַרתּמטער תּמימותדיקער לאַם,
דער סקאָרפּיאָן,
דער פֿײַער-וואָגן
און דער ווילדער אָקס,
פֿאַרבלענדט מיט מיניענדיקער שײַן
די בלינדע אָקס פֿון האָריזאָנט.

פֿון יענער זײַט פֿון צײַט
דער אומזעיִק-קריכנדיקער זייגער
דערמאָנט די שעה
פֿון צוועלף
דעם שוין פֿאַרשפּעטיקטן,
פֿאַרזאַמטן:
זע,
דער כּום פֿון חצות —
איז איבער ראַנדן.

פֿון נע-ונד מײַן שבֿט קומט
מיט טאָרבעס בראָך
און ברכהדיקע האָרבן.
פֿון אויסוועלטן ער גייט
און סוף פֿון וועלטן,
און איז אין זאַמדן גרייט
אויפֿשלאָגן די געצעלטן.

מיין שבֿט נע-ונדער,
ער קומט מיט פֿײַפֿל ווינט אין מויל,
מיט ברענענדיקע קוילן פֿון נצחון.
עס שפּאַנט מיט אים דער גרויל
און ס׳שפּרײַזט אַ וואָרצל אָפּגעבראָכן.

אַ וועג — אַ געגנדזנשפּאָן,
אַ וועג פֿון ווײ און ווונדער.
עס ברענט דער גורל-קאַראַוואַן,
און יעדערער באַזונדער

אַ פֿונק פֿון וואַלד פֿון אָפּגעברענטן,
אַ לאַגל טרייסט —
פֿון ברודער צו אַ ברודער אַ דערקענטן.

די בייַטש פֿון פּחד יאָגט
מיט לשון אַ פֿאַרשטומטן,
און ס׳נאָגט די פֿרייד
מיט אײַנגעשוואָלענע געשווירן.
און ס׳עפּנט אויף די וויסטעניש
די טויערן און טירן
פֿאַר יעדן גייער אין דער פֿינצטער.

ציטערדיקע צאַרטקייט
פֿון אַ וואַלד פֿון נאָך אַ שטורעם;
פֿייגל־צווישערייַען;
געוויין פֿון הונגעריקע חיות;
לבֿנה־שייַן
אויף שופּן פֿון די שיפּענדיקע שלענג
און אונטערערדישער געדראַנג
מיט מוראדיקן שאַלן
פֿון נאָך־ניט־געבוירענע
טיף־מדבּרדיקע קוואַלן.

די פֿאַרלוירענע ניט ציילט
און זאַמלט די געקומענע צוזאַמען.
פֿון אַלע ליבשאַפֿטן — דער מדבּר איז אַ מאַמע
ערבֿ אָנקום פֿון סאַמומען.
מייַן שבֿט נע־ונדער —
דאַנקען גאָט — געקומען!
פֿון אַלע אויסוועלטן
און וועלטן־סופֿן.
אָ, קום אַהער,
מייַן טיר איז אָפֿן
אין הויז פֿון דימענטן,
אויסגעבויט פֿון ווינט.

(ירושלים, 1961)

מלחמה-לאַנדשאַפֿט

תּפֿילה פֿון שלום איבער בלומען פֿון מלחמה,
בלומען ערשט פֿאַרזייטע — און צעבליט.
דער ווינט, דער בעל-תּפֿילה, דאַוונט מיט נשמה,
מיט מתיקות דאַוונט דער ווינט.

עפּל פֿאַלן רײַפֿע פֿון אַן אָפּגעבראָכענעם בוים.
דער בוים איז נאָך יונג, אָבער אײַנגעבויגן.
אַ קראָ פּיקט אוים דעם נאָך נישט צעבליטן טרוים
פֿון אַ יינגלם נישט-פֿאַרמאַכטע אויגן.

וואַסער פֿליסט — אַ שטראָם בלוט,
רויט וואַסער און קלעפּיק, ווי קליי.
און אויף שטייניקן געלעגער רוט
דער טויט מיט קינדערלעך אין ריי.

(1944)

זיסקייט פֿון רו

זיסקייט פֿון רו און פֿון פֿרידן
אויף גאָטס ערד.
אַ מחנה ייִדן
מיט ווינטיקע בערד
דאַוונט מנחה.
אוּנטפֿעלד
דאַוונט מיט.
די גאַנצע וועלט —
אַ תּפֿילה־ליד.

מיט גאָט באַהאַפֿטן
איז גרינגער צו קומען אַהיים.
אויף גאָט געהאַפֿטן
וואַרט יעדער אין געהיים.
די מחנה וואַרט
און גאַרט
די שעה פֿון גאָט ברוך־הוא.

די שעה פֿון רו
איז דאָ דערנעבן —
מויט וואָס פֿורעמט דאָס לעבן.

נאַכט פֿאַרמאַכט די לעפֿצן
פֿון די מורמלענדיקע ייִדן.
מויט פֿאַרשטילט די קרעכצן.
זיסקייט פֿון רו און פֿרידן.

די פֿאָן פֿון נעכטן

די צוקונפֿט פֿון דעם נעכטן איז שוין וואָכעדיקער טאָג,
אַ טאָג פֿון טעג — נישט מער. נישט אים האָב איך געוואַרט.
די פֿאָן, אַן אָפּגעריסענע פֿון שטאַנג, זיך יאָגט
און פֿלאַטערט בגעוואַלד.
איר כּתבֿ — נאָך נעכטן צאַרט
און קלאָר — איז הײַנט שוין נעפּלדיק אין ווינט.
עס פֿאַלט דער אָוונט צו, ווי איינער וואָס איז בלינד
און טאַפּט דעם כּתבֿ מיט זעעוודיקער האַנט.
נאָר פֿרעמד איז אים דער כּתבֿ — אַ וויסט,
פֿאַרוואָרלאָזט לאַנד —
אומלייענבאַר און אומפֿאַרשטענדלעך פֿרעמד,
ווי פֿרעמד דעם בעטלער איז דאָס אויסגעבאָרגטע העמד.

אַן אויסגעבאָרגטע וועלט דאָס פֿרעמד געשריפֿטס
אויף פֿאָן פֿון טאָג דעם נעכטיקן פֿון צוגעזאָגטן גליק.
און ס׳וויינט די נאַכט בײַם ערבֿ־טאָג און זיפֿצט
אויף דעם, וואָס איז געווען און וועט נישט קומען
מער צוריק.

פון שלאַכט

איך קום פֿון פֿאַרלוירענע שלאַכטן,
באָרוועס און מיד, מיט צעבראָכענעם גלויבן.
באַלד וועט שוין נאַכטן.
וועל איך מיך לייגן אין שטויב
און שלאָפֿן, שלאָפֿן —
אַז איך האָב נישט אויף וועמען צו האָפֿן.

אַ האַנט האָט געשאָכטן די אָדלערס
די רויטע, וואָס זײַנען געפֿלויגן, געפֿלויגן.
זיי וועלן נישט קומען די וואָגלערס
צו הייכן געגאַרטע.
(אָפּגענאַרטע אויגן!)
צעריסן זײַנען אַלע מײַנע פֿלאַגן,
און טרייסטן מיך — ווער וועט וואָגן?

אָט ליג איך געוויקלט אין שרעק,
עס קומען אָן ווינטן פֿון גרענעצן קאַלטע
און בלײַבן מיט מיר אויפֿן וועג.

וואַסערן רוישן, עס וועקן זיך גראָזן:
לבֿנה גייט אום מיטן ווײַסן לאַמטערן
און זוכט די פֿאַרלוירענע גייער.

און איך ליג פֿאַרלאָזן, געאָרעמט מיט ווינטן וואָס שווערן:
זיי וועלן מיך ברענגען צו קבֿר ישראל.
און מיד בין איך, מיד, און האָב נישט קיין גואל.

(סעפּטעמבער 1939)

מיט גוייִשע חנען

מיט גוייִשע חנען
גערעדט און גערעדט האָט אַ פֿרײַנד מײַנער נעכטן:
— „אוי, וועל איך וויינען,
אַז מ׳עט קומען דיך שעכטן —
סוף־סוף ביסט אַ פֿרעמדער!"...

געזעסן, געשוויגן.
אין שטילקייט פֿאַרנומען דעם ליגן
פֿון פֿרײַנדשאַפֿט.
מײַן פֿרײַנד, — פֿון די בעסטע און גרעסטע
פֿון קינסטלער און דיכטער
(געבליקט האָט די שׂינאה מיט טויזנט געזיכטער).

כ׳האָב אָסור פֿאַרשטאַנען זײַן פלאָפּל און צאָרן,
די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון יאָרן;
דער פֿלאַם אין די אויגן, ווי רעדלעך אין גלעזל,
ס׳פֿאַרריסענע נעזל, די צונג ווי אַ לונג,
און די צייגער פֿאַרביסן
(געגראָבן האָט זשאַווער אין גראָבן געוויסן).

מיט גוייִשע חנען
גערעדט האָט אַ חבֿר פֿון נעכטן:
אוי, וועט ער וויינען,
אַז מ׳עט קומען מיך שעכטן...

אין חלום פון דער היים

אומברחמנותדיק דער רעגן וווייקט און רינט
אריבער שפעט־האַלבנאַכטיק קלאַפנדיקן לאַדן.
ווי אַ פערד, וואָס איז געוואָרן בלינד
און גייט אויף פרעמדן פעלד אין שאָדן,
וועל איך נאָכגיין אין דער פרי די פויערישע וועגענער,
וואָס פירן אויפס אויף די יאַרידן.
כ׳וועל דער ערשטער זײַן אַ גוי נאָך צו באַגעגענען
און זײַן דער לעצטער צווישן ייִדן.
דאָ איז הויל און וויסט און ליידיק אַלץ —
אַ טיפער נאַכטיקער בית־עלמין.
כ׳בין אַליין אין עלנט ביזן האַלדז,
אין נע־ונד דערווײַטערטער פון אַלעמען.

אַ קינד אין די וואָלקנס

אין די וואָלקנס שפּילט אַ קינד זיך,
אַ קינד אין ווײַסן, —
נאָר זע, ווי ס'קומען ווינטן
די וואָלקנדלעך צערײַסן.

אַ קינד אַליין אין די וואָלקנס.
און וווּ איז די מאַמע? —
די מאַמע האָט מילך אָנגעמאָלקן,
באַלד וועט זי קומען מסתּמא.

נאָר זע, ווי דאָס קינד שטײַגט אַרונטער
פֿון וואָלקנס אויף בלאָ‫ַ‬ינקע היגלען.
די מאַמע — אָט שטייט זי פֿון אונטן —
ווען זי האָט פֿליגלען!

אויפֿן קינד וואַרט די מאַמע
אין צערטלעכן מאַמישן פֿלאַטער,
און ערגעץ דערנעבן מסתּמא
איז אויך דאָ דער טאַטע.

עס וואַרט אויפֿן קינד שוין די לאַנקע,
די אָקערשט צעעפֿנטע בלומען.
דאָס קינד אויף די היגלען פֿאַרבלאָנקעט —
ווער ווייסט, ווען ס׳וועט קומען!

די נאַכט שיט אַרויס אַ זאַק שטערן —
די קינדערשע אייגעלעך בלאַנקען.
וואָס וועט פֿונעם קינד דאָרטן ווערן,
מע קאָן נישט די וואָלקנס דערלאַנגען.

די נאַכט וויקלט אויך איַין אין וואָלקנס
די מאַמע אין צערטלעכן ציטער.
דער שטורעם צעקעמט שוין די קאָלטנס —
ס׳פֿאַרנעמט זיך אויף ווילדן געוויטער.

(1942)

ו ו ע נ ט

מיר האָבן נישט מער ווי ווענט.
ווענט פֿאַרבליבענע —
אינטאַקט.
און פֿון די דעכער
ביַי דער ערד
אַ גאָרטן וואַקסט
פֿאַרקערט
ביַים וועג
און בליט.

סימולירטע שרעק
אין שמייבל פֿון מיַין ליד.

(1963)

שומרים אין דער נאַכט

די נאַכט קומט אָן, געלאָדענע אויף קעמלען,
און דעקט די שומרים צו פֿון קאָפּ ביז צו די לענדן.
זיי שלאָפֿן נישט און נישט זיי דרעמלען,
און ס׳גייט די נאַכט פֿון אַלע ענדן.
פֿון בערגל נידערט און פֿון טאָלן קריכט
די נאַכט. פֿון היילן שאַרט זיך שטיל זי,
זי קומט מיט בלויע פּאַסן ליכט
און אַט באַלויכט און אַט פֿאַרהילט זי.

אין מאַנטל פֿון דער נאַכט פֿאַרהילטער,
דער נבֿיא גייט. ער טראָגט אין פּאַלעס
לאַגלען טרייסט. אַט שילט ער
און אַט בענטשט ער דעם וועג דעם גרודיקן פֿון גלות.
דער וועג איז לאַנג געווען. און ס׳איז אַ סוף דען?
פֿאַרוואָר — דאָס פֿאָלק, אַ פֿלאַקערדיקער דאָרן
מיט צווייַגן נאַקעטע. נאָר ווער וועט ווי אַ שאָף דען
בלייַבן אַ פֿאַרשפּעטיקטע, ווען ס׳רופֿט דעם פּאַסטעכס האָרן?

דער נבֿיא רעדט — אָן ווידערקול זייַן קול איז,
קיינער טאָר אין נאַכט זייַן שטים דערהערן.
זייַן טראָט נאָר הערט דער שומר, וואָס אין טאָל איז,
און ס׳זעען אים דורך וואָלקנדלעך אַלזעעוודיקע שטערן.
און אויך דער נבֿיא זעט דעם שומר אין דער נאַכט —
ווי קען ער לאָזן אים אַליין אין ערבֿ־אויסברוך פֿון געוויטער?
אויף אַ פֿעלדזנשטיין דער נבֿיא ליגט און וואַכט,
און אויך דער שומר איז דעם נבֿיאס היטער.

דער פּאַסטעך פֿון תּקוע

אין רויש אין שיכּורן פֿון גאַסיקע געזאַנגען,
אין אויסגעמיש פֿון שפּאַטיש-ווילד מגושמדיקן וואָיען
איז נאָר וואָס דאָ, אַן אומגעזעענער, פֿאַרבײַגעגאַנגען
אַ ייִד אַן אָרעמער — דער אַלטער פּאַסטעך פֿון תּקוע.
אויף פֿיס די באָרוועסע — די שטויביקע סאַנדאַלן;
פֿון ווײַטן וועג צעווונדיקטער, מיט אויסגעדאַרטע לענדן;
נאָר די אויגן פֿונעם חוזה — ווײַסע דרינגענדיקע שטראַלן,
ליכט יענוועלטיק, אויסגעבאָרגט פֿון די אומענדן.

ס'האָט אוודאי נישט באַמערקט אים יעדער,
ס'איז מיר באַשערט געווען אים אָפּצוגעבן שלום.
פֿאַרבײַ האָט גראָד אַ וואָגן דורכגעראָלט אויף
הויכע רעדער —
געפֿירט אין נאַכט אַרײַן די זינד: זונות, מנובֿלים.

ער קומט פֿון ווײַטע שטעט, פֿון לענדער פֿון נישט-היגע,
געווען אויף טומלדיקע מערק, אויף רוישיקע יאַרידן, —
דורות שוין ער שפּאַנט אַזוי, נישט באַזיגט און נישט
דער זיגער,
בײַ שוועלן סדומס, בײַם טיר פֿון קיר, בײַ טויערן פֿון צידון.
ער זעט אַלץ, און געדענקט און פֿירט די רעכנשאַפֿט אין מוח,
און נאָך דעם קיניגס שניט — בײַ שפּעטוווּקס ווידער
שאַרעם היישעריקן זעט ער.

נאָט שײַנט אויף פֿאַר אים אין וויסטע ווינקלען פֿון מזבח,
ער זאָגט צו אים: „ראַם אוים דאָס שלעכטס, ווי
פֿוילנדיקע בלעטער!”

און ווען עס ברומט אַ לייב אין וואַלד — טאָ ווער וועט זיך
נישט שרעקן;
און ווען ס'האָט גאָט גערעדט — איז ווער וועט נישט
נביאות זאָגן?
און זע: דער האר — אַ בלײַשנור אין דער האַנט —
ער מעסט די וועגן;
און פֿון די פֿעלדער שפּעטע פֿירט דאָס פֿאָלק סוף־
זומעראויפֿס אַ וואָגן.

און ס'שטורעמט נאָך דער גרויסער תּהום — און זע:
ער רײַסט זיך פֿון די קייטן אָפּ פֿאַרטרינקען אַלע ערדן.
און ווידער רופֿט אַ קול און פֿלאַמט פֿון פֿלאַקערדיקן סנה:
„רעכט וועט אויפֿריכטן דאָס פֿאָלק, נאָר פֿאַרכט דעם
שאַרף פֿון שווערדן".
דער פּאַסטעך הערט דאָס קול און טוט אויס די סאַנדאַלן,
ער פֿאַלט צו דר'ערד, די שטויבן קושט און רעדט צום
גאָט פֿון פֿײַער:
„צעשמעטערט האָסט די זײַלנקעפּ, ס'איז יעקבֿס הויז
געפֿאַלן, —
פֿאַרגיב, איך בעט, אויב ס'זײַנען דיר די רעשטן זײַנע טײַער!"

„דײַן צאָרן האָט דעם שאול דערגרייכט, די שפּיצן
פֿונעם כּרמל,
אויף גרונט פֿון ים דײַן אַפּל האָט די טיפֿקייטן געטראָפֿן,
ס'איז שטויב דײַן פֿאָלק און ליים איז — די שטויבעלעך
פֿאַרזאַמל,
אין אָנהייבשײַן אים איבערשאַף, און ברענג אים פֿון
די סופֿן!"

אַזוי האָט ער גערעדט, דער פּאַסטעך אין געשטאַלט
פֿון אָרעמאַן,
אין זיך אַרײַנגעהערט. — דערנאָך האָב איך די ברעקלעך
אויפֿגעקליבן
און אָט די זעונג דאָ, אַנטפּלעקונג פֿונעם ווונדערלעכן מאַן,
אַזוי־אַ וואָרט בײַ וואָרט מיט צייכנס ייִדישע פֿאַרשריבן.

דער נביא

גיין געגאַנגען כ׳בין אין פֿאַליקן פֿאַרנאַכט
אויף פֿעלדער פֿול מיט זאַנגען פֿון תנ״ך.

ס׳האָט אוונט זיך געשפּרייט — אַ מאַנטל האַריקער
פֿון בערגלעך נאַקעטע אויף מדבּרדיקן פּליין;
דער נבֿיא איז געווען אַ בוים אַ קאַריקער,
ווי נאָך אַ רעגן נאַס פֿון קוואַליקן געוויין.

פֿון שטאָט אַנטרונענער אין לאַנד פֿון שממה —
גאָט־באַהעפֿט געגאַרט האָט לעכציקע נשמה.

אין מלכותדיקער רויִקייט די וויסטע האָט
פֿאַרטוליעט אים; דרעמל צופּט די קלעפּנדיקע וויִעס.
האַלבוואָר פֿירט אים דורך זײַן שטאָט,
וואָס איבער גאַסן אירע וואַקלען נאָך די תּליות.

און אויף בערגלעך שמוצערן די שיפּענדיקע שלענג,
און אים דאָ — אים אַ גינוז־ליכט פֿאַרשווענקט.
און פֿון ליכטיקייט אַרוים נאָום פֿון גאָט:
— „פֿאַרוואָר, די נאַכט האָט אײַנגעדעקט דאָס שלעכטס —
זײַ וויסן, מענטשנקינד, אין בלינדקייטן דער קראָט,
ער גראָבט זיך טיפֿער נאָך אין חשבּות פֿון די נעכט.
און ווי איז דעם, וואָס האָט פֿאַרגעסן מיך, מײַן וואָרט!״

דער נבֿיא דרעמלענדיק באַוועגט זיך פֿון זײַן אָרט.

ער גייט צוריק אין שטאָט בײַם מויל פֿון ים,
זײַן פּנים צוקט און ס׳ברענט אַ וואָרט זײַן ליפּ.
ער אַליין אַצינד זיך גראָבט אין נאַכט, און פּײַן
אים פֿירט האַלב דרעמלענדיק.

ווי דורך אַ זיפּ

עס טאָגט זײַן ברעם. אָן אינדזל דאָ דער מדבּר גרינט.
דער ים מיט שוים, מיט שיפֿן גאָלד און ווינט. —

דער באַפּרײַער

זײַן קאָפּ — אַ קאָפּעטע
מיט אָנגעצויגענע די הויטן
זײַנע זיבן.
און פֿון טאַטנס אַלטער קאַפּאָטע
זײַנען נאָר די צויטן אים פֿאַרבליבן.

דעם טאַטנס טראַכט —
אויסגעאײידלטער סורדוטל גראָווער —
מיט אים האָט מיטגעוואַנדערט, אים געבראַכט
אַריבער ימען מיט זײַן עבֿר.

און ווי דער עבֿר ליגט פֿאַרשטויסן
אין די שטויסן פֿון פּאַנטאָפֿל —
ליגט אין דרויסן
זײַן זײַן איצט אַ פֿאַרפֿוילטער —
אַן אויסגעהוילטער חנוכּה־קאַרטאָפֿל.

און פֿון שילדדל־פֿלאַמען
פֿון זײַן שוכענעם געוועלבל
שרײַט אַראָפּ זײַן אני־מאמין
פֿונעם געלן גאַלדן קעלבל.

ניו-יאָרקער ראש-השנה

איך בין געגאַנגען איבער גאַסן פֿון ניו-יאָרק —
ס'איז גראָד געווען ראש-השנה.
איטלעך ייִדיש שילדל האָט מיט זאָרג אַראָפּגעקוקט
מיט שולדיקייט און מאָנונג.
אין אַ בלומען-פֿענצטער האָט אַ לעמעלע געוואַרט
אויף תּמימותדיקע קונים, און אַ הינטל בײַ דער פּאָלע
פֿון אַ דאַמע האָט צאַרט געלאַשטשעט זיך,
מיט אייגעלעך געפּינטלט אין אַלע עקן גאַס,
מיט רויש און רעש שוין איבערפֿולט צום פּלאַצן.
(די מויערן, פֿאַרכמורעטע אין אַש,
האָבן אַזוי געוואָלט. פֿון זיך די הויט אַראָפּצוקראַצן.)

אַן אויפֿגעהײַטערטער דער ערבֿ-זונפֿאַרגאַנג
האָט געריסן זיך פֿון הינטער מויערן מיט האַסט.
ס'איז געווען אפֿשר געמיטלעך איצט,
נאָר איך בין מידלעך אומגעגאַנגען לאַנג —
סוף-כּל-סוף אַ פֿרעמדער, אויסטערלישער גאַסט —
און אַלץ פֿון דעם אַרום אַרומגענומען שטיל,
ווי דעם איינטאָניקן געזאַנג, להבֿדיל, פֿון דער גריל
פֿון היימיש שטעטלדיקן אויוון, פֿאַרקריצט אין זיך
דעם טרויער
פֿון דער אומגעהײַער גרויסער שטאָט
ערבֿ זונפֿאַרגאַנג און ערבֿ ראש-השנה.

און קלאָר געשפּירט דעם גײַסט פֿון גאָט,
וואָס וועט מסתּמא אויפֿגיין באַלד
מיט ערשטן שניט פֿון דער לבֿנה.

און ווען ס'האָט לבֿנה־רײַפֿל אויסגעשניטן זיך
און ס'איז אַראָפּגעגאַנגען,
ווי ס'גרייכט די ערד אַן עראָפּלאַן
מיט אַ געזשום און גרילץ,
דער יום־טובֿ,
ווי געפֿאַנגען אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק,
מיט שוים און ווײַן,
לוסט און לאַסט,
ווילד געשריי און טומאה, —
האָב איך דעמאָלט ערשט דערשפּירט אין נאַכט־וואַכנדיקער
שטאָט,
ווי אַלמעכטיק גרויס עס דאַרף דאָ זײַן די עלנטקייט פֿון גאָט
פֿון מײַנע אָבֿות,
וואָס באַוואַכן טוט ער דאָ מיט רחמים און מיט מאָנוג
די שילדן־שולדן פֿון זײַן אויסדערוויילטער אומה,
וואָס בלאָנקעט זיך אַזוי־מין אומעטיק אַרומעט
אין דעם אָנגעלאָף פֿון אַלץ נאָך סאַפּענדיקן,
זיך פֿאַרגאַפֿנדיקן און פֿאַרשטעלטן,
קוים זיך אײַנגעשטילטן ניו־יאָרקער ראש־השנה.

(1964)

דער גאָט פֿון ישׂראל אויף איסט-סײַד

דער גאָט פֿון ישׂראל אויף איסט-סײַדער גאַסן ניו-יאָרקער.

ער וויינט צווישן ש״ס̃ן פֿאַרגעלטע און שוואַרצע סידורים.
ס'איז יום-הכּיפּורים, און ס'זײַנען די קרעמלעך שוין
נעבעך געשלאָסן.
ווי, אַ שטייגער, אָרום דאָ אַן אָרעמען חתן
פֿאַדיעט און דרייט זיך אַרום אים
אַ חבֿרה פֿון מלבוש-ערומים.
און ס'פֿאָלגט אים דאָס פֿאָלק נאָך פֿון נאָרפֿאָלק
און ברומע-סטריט.
די זון פֿון פֿאַרנאַכט אים אַרומגליט,
מיט הוד און תּפֿארת באַשטראַלט אים
און רופֿט אים אין שולכל אַרײַנעט.
כּל-נדרישער ניגון דאָרט טענהט זיך אויס נאָך
און פּלאָנטערט דעם קנופּ פֿון נדרים.
נאָר גאָט ברוך-הוא, ער פֿאַרקריכט צווישן ספֿרים פֿון
אַלמערל אַלטן

אין פּאָליש. — ווי ווייל אים! —
פֿאַרנעמען ער טוט דאָרט די יעלות פֿון עולם בלחש
און שיקט זיי מיט רעש אָפּ אין הימלישן היכל.
ער אַליין בעט: עס זאָל נישט קיין שטרויכל אַרײַנגיין חלילה
אין כּשרער יידישער תּפֿילה. און ס'זאָל חס-ושלום אַ כּופֿר,
ווי ס'טרעפֿט מעשׂה-שׂטן, נישט בלאָזן קיין שופֿר.

נאָר אין שטילקייט פֿון יאָמער פֿון גרויסן,
וואָס ער נאָר קאָן הערן,
קומען פֿון דרויסן און פֿלעכטן זיך איינעט
געקלאַנגען פֿון אָרגל,
טמא געשרייען פֿון שטאָלענעם גאָרגל,
אין דינעם געוועב פֿונעם ייִדנס נגינה.
ווי קאָן דאָ איצט רוען די שכינה
אין הייליקייט שטילער פֿון ספֿרים אָפּילו אין אַלמער,
ווען ס׳טוען די קדושה פֿאַרשווענכן די פּסאַלמער? —
כּל־נדרישן ניגון פֿאַרשרייען די בעסער פֿון אָרגל.

— ווי גוט זיינען יעקבֿס געצעלטן, נאָר בעסער
איז זיין איצט אַ שיין אין מרחקים,
פֿאַרזיכיקע שטילקייט,
אַ קול דממה דקה
אין אויסלאָז פֿון הימלישע וועלטן.
און טאַקע, ווי גוט זיינען יעקבֿס געצעלטן!

(1964)

אימה אין די בערג

מיט אימה ווייעט אין די בערג
און מיט שרעק פֿון יעדן שמאָלן געסל.
ייִדן לעבן דאָ אין איינעם און באַזונדער,
און ס׳בינדט זיי נישט די קייט פֿון פֿרײַנדשאַפֿט,
ווי אין היימען קליינע, פֿול מיט זיסער נאָענטקייט
אין פּראָסטע אינדערוואָכנס
און אין ציטערדיקע שבת־קודשן, ווי בת־יחידות
בײַ אדירים אין די שטעטלעך אָרעמע.
דער מוצאי־שבת, ווי אַ יורד,
פֿלעגט זיך שאַרן בײַ די טירן ייִדישע
און שלײַכן זיך פּאַמעלעך צום עק פֿון דאָרף,
און מיט ערשטן אויפֿשפּראָץ פֿון אַ שטערן
אויפֿגיין פֿלעגט אַ טיפֿער זמר
און אַ טרויעריקער ניגון,
ווי פֿון ביימער אײַנגעוואָרצלטע,
ווען ס׳צעפּלאָשעט זיי דער ווינט.

דאָ זינגט נישט קיינער מיט מתיקות
און מיט טרויער עכטן פֿון דער היים.
פֿרעמדע פֿרייד, ווי אויסגעבאָרגטע פּערל,
בלישטשעט אויף אַ רגע און פֿאַרגייט.

יידן חשובים, גבירים און תקיפים,
גייען אום פאַרווירט אין שפּעטע אָוונטן,
צאַנקען אָפּ מעת־לעתן אויף די פּעטע טעפּעכער,
גלאָצן צו די באַלקנס, אויסגעשניצט פון צערערהאָלץ.
און הויקערט ווען פאַרביי אַ מאָל
דער שאָטן פון אַן עלנט גייענדיקן לאַמעד־וואָוו,
וואָס זוכט אויך דאָ אָרום פאַרשעמט
דאָס ליכט פאַרלאָשענע פון ווונדערלעכער אָרעמקייט, —
רוקן אויף זיך די פאַרטיערן שורשנדע
פון שררות יידישע אין פרעמדן לאַנד,
און מיט פאַרדאַכט באַטראַכטן זיי דעם וואַנדערער,
וואָס טראָגט חלומות אין אַ לעכערדיקן זאַק.

אַן אַפּגעפּונענער

און כ׳האָב אין שלאָף מיך אָפּגעפּונען:
אַ קליינע פֿייַער-שיפֿל אויף כמאַרעדיקע טײַכן,
באַגלײַך מיט וואַסערפֿלאַנצן מיט די וואָרצלען אויף דער
אייבערפֿלאַך.
(אונטער אַ לעכערדיקן דאַך
מיט רינענדיקע שטערן.)

די טיפֿן ווערן זיך און קײַכן פֿון געלעכטער,
ווי אַ שאָף אַנטרונען איז פֿון שעכטער...

מיט וואָלקן-טורעמס שטורעמען די רוימען,
און מיט קאַמען-פֿלאַמען שוימען לאַבירינטן.

פֿון מײַן אַלטן בוך פֿון ווייען
איך לייען אין מײַן רעיון,
ווי די שטערן און מזלות
בייגן זיך אין דרייען
פֿאַר אַ ייִדעלע פֿון גלות.

אויף אַן אָפּגעדעקטן הימלפֿעלד
פּאַשען זיך שוין ציגעלעך מיט לעמפּערטן צוזאַמען.
און אָט וועט זיך באַווײַזן ס׳בלאָע ייִנגעלע פֿון נביא,
נאָר ס׳וויקלען אים מלאָכים נאָך, אין חלומדיקן ווערן,
אין לײַלעכער פֿון שטערן.

אָ, חלום מײַנער בלויער, אין אנגסטן אָנגעטאָן
זינגט מײַן וויגל אָן
און ביזן לעצטן זיגל
פֿון סוף-נאַכטיקער אַשמורה!
איך ליג אין מורא דאָ, בײַ דײַנע פֿיס,
אַ קרוין צעטראָטענע פֿון דעם פֿאַרבאָטענעם געזאַנג.

דער גאָרטן בליט, און ס'ציט אַ וואָלקנדל פֿון גאָלד.
די שלאַנג נאָך רעדט פֿון זינד, נאָר ס'איז שוין שפּעט.
דער עפּל פֿאַלט. און וואָס עס האָט געזאָלט
נאָך דעמאָלט זײַן, איז שוין געוועזן.
(דו ווערסט, מײַן חלום, אַלט.)

ווי פֿון אַ וואַלד אַרויסגעשטראַלט
קומט דאָס פֿײַערדיקע וואָרט.
(ס'לעשט נישט אויס דער ווירבל פֿון געוויטער.)
און אין דרימל האַלב, אָן אַ שטיקל באָדן,
איך מורמל צום געביטער:

— „איך גיב איבער דיר מײַן האַרץ
אין שפּעטער נאַכט אויף דײַן פּקדון!
און טו מיר נאָר אַ גנאָד,
וואָס נאָר צו דיר געהערט:
עס זאָל דײַן גרינע ערד מיר גרינגער זײַן
פֿון מײַנע שוואַרצע שטויבן.
און נעם מײַן וואָרט אַרײַן
אין ווירבל אויבן
און צעטראָג עס,
און זאָל דער טאָג אים אויפֿנעמען,
ווען איך וועל דאָ נישט זײַן.
לאָז איבער נאָר אַ שײַן
אויף מײַנע צוגעמאַכטע ברעמען!"

דער משפט

דער משפט מיטן וויַינגאָרטן
איז אויסגעגלייַכט, געסילוקט.
אָפּגעברענט. פֿאַרטיליקט.

דער טייַך איז אַנטלאָפֿן
אַהינטער בערג.
די בערג האָבן זיך אָפּגערוקט
אויף הינטן,
און ס'האָבן די ווינטן
געטריבן די פֿלאַמען.

און וואָס געבליבן איז —
אַ ברעקל שטאָט, אַ פּניאַק —
האָט סתם פֿאַרלענדט די האַק.

אויף יענעם אָרט,
ווו ס'האָט דער וויַינגאָרטן געבליט,
איז אויסגעשיט אַ קרעץ
אויף שטיין און ביין,
און ס'וויינען קעץ
אַ ווילד געוויין
אין מיטן נאַכט.

(1971)

ד ע ר   י י ִ ד י ש ע ר   ב ו י ם

דער ייִדישער בוים
האָט אויפֿגעהערט צו שלאָפֿן,
זינט עס האָט אים
אַ דונער געטראָפֿן.
ער שטייט אַ צעשפּאָלטענער
אין ווינט.
אַ פֿויגל אַ פֿאַרשאָלטענער
אויף די צווײַגן זײַנע זינגט.

דער אָוונט זיצט
בײַ זײַנע פֿיס און דרעמלט
מיט אויגן אָפֿן —
זינט דעמאָלט
קאָן ער נישט שלאָפֿן.

מיט קעפּ אַרונטער
הענגען ייִדן אויפֿן הימל.
די בערד באַזונדער
אויפֿן ערדישן געווימל
פֿלאַטערן אין שטויבן
און אין פּאַרעך,
און די גופֿים אויבן
לויבן
השם יתברך.

(1944)

דער ציפור פון ציפערן

ס'האָט ביאַליק נאָך געזונגען צו דעם ציפור און
איך וועל נישט זינגען איצט פון פויגל יענעם.
ס'איז אַ בריוועלע דערגאַנגען מיר פון ציפערן,
ווי דער ציפור וואָלט געקומען פונעם גיהנום.

ס'האָט דער פויגל זיך צו מיר פון ווײַט געריסן
און איז אָנגעפלויגן גראָד אין דעמער גרינעם, —
אוי, דער פויגל דער פאַפירענער פון קיפּאַריסן,
מיט גרויסן גראָע פון אַ זוניקער מדינה.

און ס'דערציילט דער פויגל מיר פון די ציפּרעסן,
ווי ס'האָבן ייִדן זייער חלום אויפגעהאַנגען.
דער חלום, ווי אַ זעגל פונעם ווינט צעפרעסן,
פלאַטערט דאָרטן נאָך אַ קראַנקער.

רעדט דער פויגל, רעדט פון שטומען שוידער
פון אַ פאָלק אויף שיפן און אַ פאָלק פון שיפנברוכן.
און ס'האָט ציטעריק דער ציפור ציפערנער געפלוידערט,
דעשיפרירט אַזוי פיל ציפערדיקע שפּרוכן.

און ווי עס האָט די טינט פֿון בריוול זיך צעגאָסן,
ווי אַ ים אַ ברויזיקער פֿאַר מײַנע אויגן,
זײַנען אָנגעפֿלויגן ווילדע אַלבאַטראָסן
און דער ציפּור-פֿויגל איז אַוועקגעפֿלויגן.

וואָס זשע פּלוצעם גאָר די פֿייגל ימיקע אין קרײַזן,
ווען נישט קיין שיפֿן שווימען דאָ און נישט קיין
עמיגראַנטן? —
ס'איז דער חלום מײַנער, וואָס טוט זיך איטלעכס מאָל
באַווײַזן
אין טויזנט אַנדערע, פֿאַרוואַנדלטע געשטאַלטן...

(1948)

ולירושלים עירך

„ולירושלים עירך ברחמים **תשוב**...״
(תּפילה)

מיַין פֿאַרכט צו זען דיך פּנים אל פּנים.
— נאָר וואָס איז דאָ צו פֿאַרכטן? —
הונדערטער מאָל ווי ס׳האָבן נאַראָנים
געוואָלט און געזאָלט דיך דערשעכטן —
און נישט געשאָכטן.
ערשט נעכטן.
יום אחד כּאלף שנים.
אלף. אלפים.
מיַין אַלטע יוגנטשטאָט, ירושלים.

אין חלום גרויסן — יאָרן טויזנט
איז איין טאָג נאָר. און אין טרויער
נאָר אַ רגע וואַרטן דויערט
טויזנט יאָרן. ווער קאָן ציילן
און פֿונאַנדערטיילן
צווישן בענקעניש און מספּר?
אַז דער טרוים אַזוי כּל יום
מיט זעלבן ווּספּער,
אַזוי פּשוט:
— ולירושלים עירך ברחמים תּשוב.

און כאַטש מיט וואָלקנס רויכן
מישט דאָס ליכט זיך אין די הויכן,
און שאָטנס הייליקע נאָך קניִען
אין די שטויבן
פֿון אַלטער וואַנט דײַנער, מיט מאָך
באַוואָקסן און מיט גלויבן, —
קומען מיר צו דיר איצט —
שפּעטע גייער אַלע —
מיטזינגען ס׳געזאַנג פֿון חתן־כּלה
אויף דײַנע גאַסן:
גילה, רינה, מלא דיצה.
און זעען בעינים,
ווי בליצן בלויע קריצן
נײַע דבֿרי־חיים.

אָ, מײַן אַלטע יוגנטשטאָט, ירושלים!

(1952)

אַ זעונג בײַם ים התיכון

דער הימל פֿאַרגרעסערט
אין ים איז געלעגן פֿאַרקערט.
און ס'האָט די לבנה געמעסערט
די שטיינער בײַם ברעג פֿון דער ערד.

און שטיינער אין ים אויך מיט אָפֿענע פֿויסטן
און פֿינגער צעשטראַלטע,
ווי דינע, אומזיכטיקע שטריק,
האָבן געהאַלטן
אויף וואַסערן גרויסע —
אַ דורכזיכטיק ווײַסע, פּאַפּירענע בריק.

ווי אָקערשט געשאָכטן,
אַ קאָפּ איז געשווומען
מיט פּאות צעפֿלאָכטן —
אַ קאָפּ פֿון אַ זקן.
דער ים האָט גערופֿן,
געקלונגען אין גלאָקן.

אין ווילדן געוויטער,
וואָס האָט זיך פֿאַרנומען,
אַ קול האָט געציטערט
מיט עכאָס מיט ווײַטע:
„טוט אָן זיך אין גופֿן,
אַ, ביינער באַפֿרײַטע!"

און ס׳זײַנען געשפּענסטיקע בײנער
אַרױס פֿון די תּהומען פֿאַרזונקען
צום רוף פֿון די גלאָקן,
װאָס האָבן געקלונגען.

און דער קאָפּ פֿונעם זקן —
אַ גוף שוין אַ גאַנצער —
געשװוּמען פֿאָרױס איז,
פֿון װינטן געפּאַנצערט.
אין זעונג מײַן אױג האָט
געזען גאָר גרױסעס:
לבֿנהקע רינגען צעקרױזן זיך ברײטער —
דער זקן נישט אײנער —
אַ מחנה באַגלײטער
פֿון גופֿים אַסטראַלע
פֿון ים און יבשות
זײ װערן נתעלה.

און ס׳שנײַדט די לבֿנה
מיט שאַרפֿן פֿון חלף
אױף נאַכטיקן פּנים
פֿון בלױליכט אַן אַלף:
אתחלתא...

די װאָלקנס צעקריכן.
ים התּיכון
באַנײַט האָט די זעונג
די אַלטע:
עצמות יבֿשות —
פֿאַרװאַנדלט אין בראשית.

אין באר-שבע

איך בין געקומען דאָ אהער מיט מײַנע דאָרשטיקייטן
צו זוכן דאָ די ברונעמס דײַנע זיבן;
געקומען דאָ אַהער פֿון ווײַטע, פֿרעמדע ווײַטן —
אויף זאַמדן דײַנע אויך מײַן נאָמען צוגעשריבן.

אַן אַלטער עדות איז מײַן נאָמען —
ער איז מיר אַלע ראַנגלענישן בײַגעשטאַנען.
דער אויסשפּראַך איז ער פֿון אַבֿרהמען,
ווי געשריבן איז: „פֿון דאַנען
איז גאָטס קול געקומען, און ס'האָבן זיך
מלאָכים מיטן מענטשנקינד באַגעגנט".
און איך בין דאָ פֿון ס'נײַ געקומען גראָבן זיך
אין טיפֿער ווײַט פֿון נאָנטער געגנט.

און קנעטן דאָ געקומען בין איך דײַנע זאַמדן,
אָנגעטראָגענע פֿון דורות ווינטיקע גאַלאָפּן.
אַ מדבר, נעם מיך אויף אַ מידן, אַ פֿאַרזאַמטן —
אַ שטיין פֿון דײַנע שטיינער גיב מיר אויף צוקאָפּן!

(1952)

סוף-פּסוק

כ׳שעם מיך כּלפּי דיר און פֿאַר אַלעמען.

אויף דער הילצערנער קאַנאַפּע
נאָך תּהילימען די בלעטער
צו דעם אייביקן מיט דײַן גלייביקן וואָרט.
נאָר דו ביסט נישטאָ מער.
איך הער דעם יאָמער דאָרט
פֿון דעם האָמונקול
אין טונקעלן חדר —
(ער וויינט אַזוי כּסדר).
און דער עולם, אין חושך פֿאַרהאַקט,
וואַרט נאָך מסתּמא
אויפֿן לעצטן אַקט פֿון דער דראַמע.

נאָר זי איז פֿאַרענדיקט
מיטן סוף-פּסוק פֿון האַק.

און ס׳שלאָפֿט נאָך געווים אין השלמה
דער גולם אויף דער אַלטער קאַנאַפּע,
מיט די דרײַ פּיס די לאָמע,
און נישטאָ ווער עס זאָל אים
דערוועקן פֿון חלום — —
(ער חלומט דעם יאָסעלע-חלום פֿון קץ).
און ס׳בליפּט מיט פֿאַרגאַפֿונג דער לץ.

און ס׳רעדט מיט אויגן מיט פֿולע
פֿון גאולה דײַן שאַפֿונג פֿון שלאָף.
דו נאָר אין רו פֿון שטיינער
דערדרימלסט דעם סוף.

באַלאַדע וועגן וואָלקנדיקן ייִדן

אַ וואָלקן גייט אַרום בײַם ראַנד פֿון הימל
אין געשטאַלט פֿון אַ ייִדן מיט אַ באָרד.
די באָרד פֿון ייִדן איז אין ווינט צעפֿלויגן,
און אויך דער ייִד — ער שטייט נישט אויף אַן אָרט.

עס גייט דער ייִד צו זיך אין שטיבל.
ס'איז ערבֿ שבת, שאָטנס שאַרן זיך שוין קרומע.
ער ווייסט דעם וועג — ער קען דאָ יעדן גריבל,
און גאָט וועט געבן, ער וועט קומען.

נאָר דער וועג איז אָן אַ סוף. וועלדלעך, גריבער,
ווי דער שטן וואָלט, חלילה, זיך פֿאַרשטעלט דאָ.
ער גייט און גייט און קען דאָס וועלדל נישט אַריבער —
און שבת-קודש גייט, ער קומט, ער איז שוין דאָ.

שטילער ווערט. די שטערן גייען אויף און פֿאַלן.
די ביימער, דוכט זיך, דאַווענען דאָ בציבור,
„לכה דודי" זינגען פֿייגעלעך: — „לכה דודי לקראת כלה!"
און פֿון אַלע ביימער ווערן אויסגעפּוצטע שטיבער.

אַ ייִשובֿ! נו, אַ דאַנק השם-יתברך, אַבי אַריבער די סכּנה!
אָפּגעדאַוונט, געזעצט זיך צו דער סעודה, געגרייט דער טיש,
און אויפֿן ווײַסן טעלער, גרויס ווי די לבֿנה,
די קעפּ פֿון שבתדיקע פֿיש.

נאָר עפּעס טונקלט. די ביימער נעמען פֿרירן.
וואָלקנס אויפֿן הימלראַנד. שוין שפּעטע שעה.
דער ייִד — ער קלאַפּט אין פֿרעמדע טירן,
נאָר קיינער איז נישטאָ.

ווי אויסגעשטאָרבן וואָלט, חלילה, ס׳גאַנצע שטעטל,
אויף אַ רפֿואה טרעפֿט מען נישט קיין ייִד.
אומזיסט זײַן קלימפּערן מיט סוקעוואַטן שטעקן —
אַז קיינער ענטפֿערט נים!

זעט ער דאָך, אַז ס׳איז געווען פֿאַרבלענדעניש,
ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט זיך אין וואַלד:
נישט קיין ייִשוב, נישט קיין שטוב און נישט קיין טיש —
און ער איז מיד און אים איז קאַלט.

נעמט ער זיך אַ שטיין צוקאָפּנס — און דרעמלט אײַן.
פֿון שלאָף ער טענהט צו כּבֿיכול...
עמעץ קומט און דעקט אים אײַן —
עס איז געווען די מוטער רחל.

און ס׳קומען אַלע אָבֿות. זיי טוליען אים אין שוים.
דער שלאָף איז זים. דער הימל שרעקט.
נאָר ראַפּטעם גיט אים ווער אַ שטויס —
ער האָט זיך אויפֿגעוועקט.

עפֿנט ער די אויגן — און ער שטאַרט:
אַ מעסער בליצט, רוצח לאַכט...
זאָגט דער ייִד:
„נו, שטעך דאָס מעסער אײַן, איך וואַרט"...

און ווידער גייט אַ וואָלקן אום אין נאַכט.

פֿאַרנאַכטיקע לאַנדשאַפֿט

ווי אַן אויפֿגעמאַכטע שער
איז זײַן מויל פֿאַרקרימט געווען,
פֿאַרשטומט אויף גאָר דער וועלט,
און וויזאַווי דער קויל
פֿון העלד אין זונפֿאַרגאַנג.

און לאַנג האָט נאָך געצאַפּלט זיך
אין פֿאַלד פֿון באַרג דאָס הייפֿל ביינער
פֿון דעם, וואָס איז אַ מענטש געווען
מיט לויטערן געדאַנק
און מיט תּפֿילה אויף זײַן ליפּ
פֿאַר אַלדאָס שלעכטס,
וואָס הערשט דאָ אויף דער ערד,
וואָס פֿאַלן דאַרף לסוף
אויף שאַרף פֿון שווערד
פֿון דעם רוצח.

האָט ווער נאָך ווער געוויספּערט
ביַי דער גרוב,
און ס'האָט קיינער נישט געהערט
די שטיקער ערד, וואָס פֿאַלן,
ווי די שטערן שוואַרץ באַגאָסענע
מיט נאַכט.

און נאָר דער גוי —
אַן אָנגעפּוישטער זאַק
מיט שטשירענדיקע ציינער —
האָט ווילד געלאַכט
און בייז געשאָלטן זיך אַליין,
ווען ס'האָט לבֿנה
זיך געשפּאָלטן אין אַ האַק.

אַ קאַרליקל אין מדבר

אַ גרינער קאַרליקל מיט דלאַניעס דינע
זויפֿט דעם פֿאַלנדיקן רעגנשפּריַי.
ס׳קריכט אַרום פֿון דעם באַהעלטעניש
דער מינדעסטער בעל־חי,
און ווי קליינע שטערנדלעך דערבייַ
די זאַמדן־מיוחסים שייַנען אין דער זון.

דער מדבר אָבער ווייסט דערפֿון און צאָרנט.
ער וואָרנט אין דער שטיל
דעם קאַרליקל, דעם בוים,
די פֿייגעלעך אויף פֿרייַ,
די שפּראָצונגען אויף ייִחוסדיקע זאַמדן:

— נישטאָ בייַ מיר אין קיניגרייַך
פֿאַר אייַך קיין גנאָד!
און גיב איך נאָר אַ דריי מייַן ווינטנראָד,
וועט זי פֿאַרשיטן אייַך אין תהום!
מייַן ווינט געווינט!
און ס׳רעדט דער מדבר
אויף העברעיִש:
„הרוח מנצח!"

— ווײ אײַך, ווײ אײַך!
אָט גײ איך אָפּבינדן דעם ווינט פֿון קײט,
אָט גײט ער שוין, ער גײט!
עס קומט דער שטורעמווינט,

דער ווירבלווינט פֿון זאַמדן.
אין מײַנע וואַסערן פֿאַרטריקנטע
וועט קײנער מער ניט לאַנדן!"

עס רעדט דער מדבר רעדט.
און ס'לאַכט דאָס קאַרליקל:
„צו שפּעט, צו שפּעט!"

בײַם כּנרת

דער אָוונט טוט פֿאַראײניקן
די פֿאַרבן פֿון דער זון,
וואָס גײט אַרונטער
צו איר אונטערגאַנג אין ים
און דעם בערגל שטײניקן
בײַ ראַנדן פֿון כּנרת.

עפּעס רעדט צו מיר
דער שוים פֿאַררויטלטער —
איך הער עס.
נאָר וואָס ער וויל פֿון מיר
אַצינדער גראָד אין שעה
פֿון טיפֿנדער מחשבֿה, —
ווײס איך נישט באמת.

אויף קבֿר־אָבֿות
כ'בין געקומען דאָ,
צו אַט די בערגלעך אײנאַלײניקע
אין שווײַגנדיקן דומם,
דען אַ יתום כ'בין
פֿון מאַמעדיקע פֿרײדן.
און ער, דער ים,
אַ פֿולער מויל מיט שוימען, —
רעדט און רעדט
און וויל מיך
מיט די שטילקײטן צעשײדן.

בײַם ירדן

װער האָט אָפּגעצײלט געננױ און פּינקטלעך,
װי אַלט דער טרױער מײַנער איז פֿון גלות? —
אין װײַסן שײַן דער ירדן זינגט נאָך —
און קלאָר זײַן קול איז —
ס׳געזאַנג פֿון קיניג דוד נישט־פֿאַרענדיקט.

און אױף כװאַליעס־ציטרעס
זינגען מיט די ציטערדיקע שטערן:
פֿון זײַן־נישט־זײַן מײַנעס
און אײביק װערן —
די לעגענדע.

איבער ירדן־פֿלוס צעבױטעטן
די װאָלקנדלעך־מעפּילים —
זע, זײ גנבֿנען זיך שטילע
צו לבֿנהדיקע ברעגן .
און איך —
איך טו נאָך אַלץ התבודדן
און פֿרעגן.

אין פֿאַרלוירנקייט

אַ דערוווײַטערטער פֿון זיך,
זוך איך דיך אין שטח אויסגעשפּרייטן
פֿון מײַן פֿאַרלוירנקייט.

איך קום אויף גרייטן.
דאָ האָבן שוין געזוכט פֿאַר מיר
די אָבֿות פֿון קליינגלויביקייט און צווייפֿל.
אין די שפּורן זייערע איך גיי בגיא צלמות.

איך גיי אין פֿינצטערניש,
אין אויסגעמיש פֿון פֿרייד פֿון דײַן דערקענטעניש,
אין צווישנשייד פֿון רעטעניש און פֿון באַשייד.

ס'האָט קיינער נישט דײַן פּנים אָנגעזען
און איז נישט געקומען אין באַריר
מיט דעם, וואָס כ'ווייס נישט ווי עס אָנצורופֿן.
בגילופֿין פֿון דעם שײַן אין קרוין בײַם וועג
און דעם אינזעקט, וואָס זעגט אַנידער מיט געזאַנג אין רוים
די הויכע שטראַלנדיקע שעה פֿון פֿאַלנדיקן טאָג
אין נאָך נישט אויסגערײַפֿטן בלי.

איך ווייס אַליין נישט ווי
עס קומט צו מיר דאָס מורד זיין אין דיר,
ווען די מורא וואַלגערט זיך אין יעדן אָנגעריר
מיט דעם, וואָס נעַנטערט זיך און קומען דאַרף
און קומען וועט, און כ'האָב קיין צוטריט ניט
צו זײַנע טריט.

און כ'ווייס ניט ווען צו זאָגן יאָ,
צו זאָגן ניט.

אין צווישן־שעה פֿון טאָג און נאַכט,
בײַם שאַרף פֿון באַרג־אַראָפּ, מיר דאַכט: אָטאָ
כ'האָב אָנגעקינדיקט דעם רשות
פֿון אומגרענעץ פֿון זײַן,
פֿון אַלט און נײַעם שײַן, וואָס גיסט זיך אויס
און גיסט זיך אָן פֿון ס'נײַ
אין טאָל פֿון פֿינצטערניש.
און וואָס איך קאָן נישט אָנרופֿן בײַם נאָמען
שרײַט פֿון תהום מיט אָפּהילך און מיט ווונדער.

און זע:
דער קרבן־שה פֿאַרפּלאָנטערטער אין בוש נאָך אַלץ
אין גנעדיקייט פֿאַרבליבן, —
אין וואַרטעניש אויף אויסגעשטרעקטן האַלדז.

אַ ליכט אין טונקלקייט

איך זוך אין טונקלקייט אַ ליכט.
ס׳רופֿט מיך וואָס, און איך פֿאַרנעם עס.
נאַכט ליגט אַנגעוואָרפֿן שיכט אויף שיכט,
און איך זע אין דעם אַ רמז...

דער רמז איז, אַז ליכט וועט זיך אַנטפּלעקן,
אַנישט — איז דאָך סוף וועלט, חלילה!
ס׳איז האָפֿענונג דאָ אין ווילדסטע שרעקן
און געטלעכקייט אין יעדנס תּפֿילה...

ליכט שפּראָצט אויף פֿון שוואַרצסטע טיפֿן.
דער נבֿיא קומט מיט שריפֿט פֿון שטראָפֿן.
ערגעץ זינקען אַלטע שיפֿן —
און ס׳גייט אויף ערגעץ נײַער האָפֿן...

איבערוועגדונג

פאַראַנען טעג, און אפשר שעהען,
וואָס איבעראַנדערשן דעם ציַיטגאַנג.
און ס'איז איצט די שעה, וואָס דאַרף באַיאָען
אַלטן דורותדיקן דראַנג
אין זיַין זיגזאַגן-הימלטרוים,
וואָס שווינגט מיט אורקראַפט נאָך עד היום.
און היַינט, ווי נעכטן, קעגן רוים
געשפּאַנטע שטייט ירושלים.

און דער, וואָס טוט זיַין גלויבן אָן
אַ גורט אויף אויסגעדאַרטע לענדן,
דער ערגסטער פונעם שונא קאָן
אים מער שוין נישט פאַרלענדן.
דאָס איז דער גאַנג, וואָס ציַיטן ביַיט
אין אומקריַיז אייביקן פון יאָרן.
עס איז דער אָפּדאַכט פון אַ ציַיט,
ווען ביַי נאַכט איז טאָג געוואָרן.
אַוודאי זיַינען טעג פאַראַן,
וואָס זיַינען דורות-איבערוועגדער.
און ווי איז דעם, וואָס האָט זיַין שפּאַן
אין לויף פון טאָג נאָך נישט געענדערט.

ירושלים

ירושלים!
פֿון דײַנע טורעמס חרובֿע,
אַלטע און נײַע,
בליקט דער חלום פֿון ישעיה
מיט אויגנלעכער אויסגערונענע:
צו די אָפּגעפֿונענע
און צו די פֿאַרלוירענע אין תּהומען;
צו די אַנגעזעטיקטע
און צו די, וואָס קומען אָן
פֿאַרשפּעטיקטע
צום אחרית הימים;
צו די, וואָס קומען אויסגעלייזט
צו שטאַרבן,
און צו די, וואָס קומען אַרבן
אַ כּזית
טרייסט
אויפֿן הר־הבית.

צום הייליקן אין צויטן
פֿון אַן אבאַיע
און צום קינד דעם טויטן,
אײַנגעוויגט
אין יער־הקדושים־רויש, —
דערבליקט
דער חלום פֿון ישעיה.

און ס׳רויטע, קילע ליכט
פֿון טריפֿנדיקער שקיעה
פֿאַרטריפֿט נאָך אַלץ
דער אויסגעשטרעקטער האַלדז
פֿון קרבן
אויפֿן הר מוריה . . .

צייכנס און צירופים

דער פּאָעט

דער פּאָעט איז אַליין געבליבן,
זײַן ליד נישט דערשריבן.
אַ רײַטער אַלץ ווײַטער אין נאַכט.
אַ ציפּער —
דערשיפּער —
דערטראַכט.

שטערן צעשאָטן
אין אַלע פּיר ווינקלען.
און ס'האָבן צעטראָטן
זײַן וואָרט די המונים.
זיי קענען אים ניט:
אַ פּלוני בן פּלוני,
אַ פֿאַרוואָגלטער ייִד.
דער דיכטער
פֿאַרווירטער,
אַליין.

און ס'קומען מלאָכים אַראָפּ
און וויקלען אין ליכטער זײַן קאָפּ.

ווען ניט זײַן ליד,
וואָלט ער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיין.

מײַן ליד

מײַן ליד האָט גרענעצן געשוואָרצט
מיט מיר אין לאַנגער וואָגלעניש,
און אויך מיט מיר עס איצט געבראַכט
מיט קלומקעס בראָך און לאַגלען דאָרשט —
צו דיר אין גבֿולן פֿון סוף־נאַכט.

און ס׳טאָגן אויף די הימלען אויפֿגעבלויטע
פֿון אשמורה לעצטער פֿון דײַן חלום.
דען אַ צווייג בין איך, אַ צונויפֿגעדרייטע,
וואָס שטורעם האָט פֿאַרטראָגן
און אין שלום אים דורך ים־ווײַטן דערוואָרפֿן
צו די ברעגן באַרגיקע פֿון האָפֿן.

אַ לויב דעם צער, וואָס דו האָסט אים געשאָנקען מיר,
און פֿאַר דער מנוחה כאָטש דערווײַליקער
בײַם בוים דעם נאַקעטן אָן שאָטן.
כ׳בין דאָך אַזאַ גייער אַזאַ אײַליקער,
און די וועגן אַלע פֿון מײַן בלאָנקעניש
דערפֿירט מיך האָבן צו דײַן גאָרטן.

אין הימלדיקן וואַנדער

אויף פֿליגלדיקע פֿערד פֿון חלום
שווין געריטן,
מיט זיידנס פֿערד־און־וועגעלע געפֿאָרן,
נאָר אין ערגעץ נישט דערפֿאָרן.
הײַנט זוך איך אום אין קריג מיט זיך
דאָס לאַנד פֿון שלום
אין ווײַסע הימלדיקע פּליינען, —
און ס'יאָגן נאָך מיר ערדישע געוויינען.

פֿון די טרערן ווערן הימלדיקע ספֿערן כמאַריק.
געוויין פֿון דר'ערד, ווי רויש פֿון ימען,
ווערט נישט שטילער,
און ס'הערשט אין הייכן שטימונג פֿון נאָך־נעילה.

אָפּגעפּאַסט און אָפּגעפּײַניקט זיך די לײַבער,
לאָזן זיך די דאָונער איבער וואָלקנס טראָגן.
אָנגעברייט פֿאַר זיי די הימלדיקע טישן,
און רויטער ווײַן איז אָנגעגאָסן,
אויף טעלער גרויסע ליגן שטיקער פֿון לויתן.
נאָר די דאָונער־עדה ייִדן —
נישט די גופֿים קומען זיי דאָ שפּײַזן, —
זיי קומען פֿון דער ערד נאָר בשׂורות איבערווײַזן.

און אויב אויך האָב אויף זיך גענומען
אַזאַ ווײַטע הימלשע נסיעה
און אויסגעלערנט זיך די וואָלקנדיקע וועגן,
איז דערפאַר וואָס איך אַליין נאָך קען נישט וויסן,
צי האָב איך ווען אויף האַרטער ערד אַ מאָל געטראָטן,
און צי איז עס דאָרט מײַן גוף געווען, —
צי אפשר גאָר מײַן שאָטן.

איך ווייס באמת נישט, צי געליטן האָב איך ווען,
געפרייט זיך; אומגעדרייט זיך יתומדיק אַ פרעמדער;
צי איז די ערד געווען אַ מאָל מײַן מאַמע.
און כ'ווייס נישט ווען און ווייס נישט וווּ
די טרײַע טריט מײַנע אויף דר'ערד —
שלוי זיך שאַרנדיקע, קראַנקע —
האָבן אַנגעטאָן זיך פליגל פון פאַרלאַנגען.

איך גיי אַרום דאָ זינט דער נאַכט פון צײַטן —
זינט דעם מענטש-געראַנגל מיטן מלאך
און זינט דער הימל-שליח האָט די ערד געוואָלט באַזיגן.
קוים וואָס איך דערמאָן מיך יענעם חלום ווײַטן —
און כ'ווייס נישט, צי ס'איז אמת צי אפשר גאָר אַ ליגן.

און אפשר איז מײַן אויג נישט מער ווי אַנגעצילעט אין די ספערן,
און איך אַליין פאַרזינק מיט שווערע טריט אין זאַמדן;
איך זוך דאָס שלום-לאַנד אין הימלהייך דער ווײַטער —
און אונטן בליט דער טאָל מיט סמענדיקע קרײַטער.

און די אומוועזנטלעכע וועזנס אין די טעפּעכער פון נעפל —
די וואָס גייען פאַרביי מיר און שוועבן אַז אַן אויפהער —
קומען זיי פון דר'ערד אַרויף, צי גייען זיי אַרונטער?
צי גאָר איך, אין ווײַטער טיף פון וואָלקנדיקן כאַאָס,
פלי אויף פײַער-פליגל פונעם רײַטוואָגן אליהוס? . . .

מײַן וואָרט

מײַן וואָרט, מיט יונגע אויסשפּראָצן
פֿון סאַמע העלסטע, עלטסטע שטאַמען, —
דורך שיפֿברוכן געוואַקסט דיך
און געבראַכט דיך
צו דעם זעגלברעג
פֿון אויסגעבענקטן האַפֿן פֿון מײַן האָפֿן,
צו די סופֿן
פֿון די טעג.

געוויקלט דיך, געוויקט אין טויען־טלית
פֿון מײַן טאַטנס גלויבן.
דיך געזען אין זעונגען בײַם זוים פֿון יאָרן
פֿון מײַן זיידנס דבֿקותדיקע לויבן;
דײַן שײַן דערבליקט
אין קלאָרסטן דורכלויכט פֿון קאַיאָרן,
אין צונטערטריף פֿון שקיעות;
און געזען די צייכנס דײַנע און צירופֿים
אינעם אָפּשטראַל
פֿון פֿאַרטאָגעדיקע גופֿים אויף די תּליות.

סומנעם צער דײַנעם פֿאַרנומען אין געקלאַג
פֿון אַ פֿאַרפּלאָגטן צאַנקענדיקן ייִדן
אין האַפֿטיקער מלחמה מיט ואָהבֿתּ׳יקער,
אין לײַטערנישן זאַפֿטיקער נשמה
מיט אַלעמען אין פֿרידן.

און אויפֿגיין דיך געזען, מײַן וואָרט,
אין שפּעטע שעהען שוין פֿאַרברענטע
פֿון אַ קינד אין זויבערפֿרי פֿון יאָרן, —
שטאַמלענדיקע זילבן פֿונעם קינד דעם זעלבן נישט דערקענטע,
ס'וואָרט דערוואָרטע שוין אין שײַנען פֿון זיכּרון.

ציטריק וואָרט מײַנס, פֿאַרצערטלער בן־יחיד,
פֿון פֿײַערפֿלאַם אַרויסגענומען,
ווען שווערד האָט נאָך געפֿאָכעט
אויף עקדות ערבֿ שעכטן, —
וואָרט מײַנס אין געפֿעכטן
און אין קלעם
מיט מלאָכים און מיטן שם.

דער אופֿן פֿון מײַן חלומען

דער אופֿן פֿון מײַן חלומען
איז געגעבן מיר נאָר אַליין.
חלומות לויפֿן אָן ווי שטיינער
אין די פֿענצטערלעך
פֿון קינדהייט.

אין דורכלויכטן פֿון צײַט —
אַ רײַטער נישט־דערפֿלויגענער
בײַם תהום פֿון האָריזאָנט.

מיט סטאַדעס שאָף געשאָכטענע
דער אָוונט קומט
אין כמאַריקן געמיש
(אין וואַלד פֿון די דערמאָנונגען
איך בין אַ ווונדנדיקער הירש).

מײַלן ערד און וואַסערן
אין קעגנגאַנג פֿון זוכנדיקער ווײַט.
איך רײַט אויף הערנער ליכטיקע
אין אויסשפרייטן פֿון נאַכט.

דער גלאָק פֿון האַרבסט זאָגט אָן:
נישט אויסמײַידן דעם צייכן פֿון מײַן טיר;
מיט בלוט באַשפּריצט מײַן בײַשטידל
און בליצט מיט אויגן דרײַ צו מיר.

(אַ מלאך טראָגט מײַן פֿידל אום
אויף פֿליגלדיקע הענט . . .)
פֿון דאַך און ביזן דיל
מײַן שטוב איז אָפּגעברענט.

און ס׳קלאָגט אין וואַלגערמיסט
די הייזעריקע גריל . . .

געשטאַלטונג

א

אויף שאַרף פֿון שווײַגן
צאַפּלט זיך אַ וואָרט,
וואָס נישט דערזאָגט.
אַזוי־אַ הענגט אַ צווײַג
אָן אָפּגעבראָכענער און קלאָגט —
ער וויל נישט שטאַרבן.
דער בוים אַליין
מיט בלוטנדיקן האַרץ —
דער גאָרער האַרבסט
אין זײַנע בלעטער.

ב

אין שורות שלאַנקע טרויער דײַנעם,
מײַן פֿאָלק, איך וויל געשטאַלטן,
דײַן בלוט אין חלום מײַנעם
אין כּוס פֿון וואָרט פֿאַרהאַלטן.
מאָס פֿון כּוס, פֿון שורות מײַנע,
פֿון פּײַן איז אויסגעפֿורעמט.

אויף שווערע וועגן דײַנע
שמײַסט די בײַטש פֿון שטורעם.
דײַן געשטאַלט — געשטאַלט פֿון ווייטיק
בײַ דעם בייג פֿון טאָג אין נידער.
איך קום צו דיר, ווען טרייסט איז נייטיק
מיט וואָרט געשליפֿענעם פֿון לידער, —
צער פֿון וואָר אין וואָרט געשטאַלטן,
בלוט פֿון ווונד — אין האַרץ באַהאַלטן.

ג

דיאַלאָגן פֿון גיין און פֿון קומען
פֿירן די בלומען.
די לבֿנה וואַקסט אויס צווישן זיי
מיט ליכט, ווי שניי.
קאַלט און שאַרף
שפּילט לבֿנה־האַרף
אויף גראָזן:
„גאָט,
וואָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזן?!"

אין געשריי נאָר

אין געשריי נאָר, ווען איך האָב, אַ צייכן,
און איך זאָל וויסן: ער וועט דערגרייכן.
נישט — אַזוי פֿיל ווערטער,
און בלײַבן אַ נישט־דערהערטער.

איך וואָלט מיט דעם געשריי געגאַנגען
אין פֿאָלק, אַ נישט־דערקענטער,
אַ האַנט איעדערן דערלאַנגען
און ווערן נענטער.

ווערטער לאָזן נישט דערגרייכן,
מע קען זיך נישט פֿאַרשטיין מיט ווערטער.
מיט אויסגעשריי און רופֿנדיקן צייכן
וואָלט איך ווערן אַ דערהערטער.

נאָר בלײַבן בלײַב איך אַלץ אַליין,
אַ צוגעשמידטער צו דעם אָרט,
און ווי אַ שטומער שטיין
נישט אַרויסריידן קיין וואָרט.

מײַן וואָרט איז צוגעקלעפּט צום גומען,
און דער געשריי איז נישט געקומען . . .

פ אַ ר ב ל י ט ע ר ק ר אַ ט ע ר

פֿאַרשטומטע אייביקייט מיט אויסגעשרייען ניט-דערהערטע
און אַלץ, וואָס לעבן נישט דערלעבט האָט, שלאָגט אין שוועלן
פֿון נשמה.
פֿון מײַן בלוט אין טרערנדיקע רערן דאַרשטנדיקע אייביקייט
דערנערט זיך,
און וואָס די אויגן מײַנע זעען, קאָן איך נאָך נישט אָנרופֿן
בײַם נאָמען.

עס וועט זיך ענדיקן דאָס בילד דאָס אויסגעמאָלטע אין חזיון,
פֿון שטילקייט אײַנגעשטומטער אויפֿגיין וועט מוזיק פֿון די
נישט-דאַיִקייטן אַלע.
וואָרט און ריטעם און געזאַנג, געפֿורעמט אין שגעון
אין אויפֿגעלייזטער בוואַליע וועט צעשאַלן.

נאָר אין קול דעם מיסטעריעזן פֿון דער שעה לעת-עתה
פֿאַרנעם איך אַלץ געשריי נאָך פֿון דער אייביקייט דער
שטומער,
און דער מיט פֿרילינגגראָז פֿאַרבליטער קראַטער
דערוואַכט מיט שטורעמדיקן צאָרן פֿון מײַן אומה.

ליכט פון חלום

ס׳פֿאַרנאַכטיקט מײַן פֿענצטערל, גאָט!
זײַן לעצטן נאָך בלאַנקן ניגון
ס׳בלינדע בעטלערל האָט
געטאָן איצט פֿאַרוויגן.

די רוישיק און ראַשיקע ראָד
פֿונעם טאָג אין געלויפֿיקן שווינד
איז פֿאַרשטילט, די שטאָט
איר וווּנדערליכט צעצינדט,
און ס׳גייט גרין־שוימיק אויף די זינד
אויף אַלע טונקעלע ראָגן.

אָ, העלף מיר, גאָט,
דאָס ליכט פֿון חלום מײַנעם טראָגן!

פֿאַרגעסנקייט

פֿון ס'נײַ קום איך ווײַנען
אויף אַלע מײַנע פֿאַרגעסנקייטן.
מע קאָן אפֿשר מיינען,
אַז די צײַטן בײַטן די הלבשה —
אומפֿאַרענדערלעך דערפֿאַר
דער תּוכן.
איך בין אַלץ אָבער דער נאַר,
וואָס זוכט די פֿײַערלעך פֿאַרלאָשענע
אין רויכן.

און כאָטש פֿאַרשענערט
איז מײַן לשון
פֿון טאָגטעגלעכקייטן,
איז נישט פֿאַרקלענערט
אויף אַ האָר
דער טרויער-דויער
פֿון סך-הכּלדיקער וואָר,
וואָס קיין מאָל טוט ער זיך נישט בײַטן.

שנײ

(ה. לײוויק)

שנײ הינטערן וואַלד,
און אין דעם שנײ — פֿיבער.
אין מויל פֿון שטיבער
דער טערמאָמעטער
וועגט איבער דעם וועטער.

נאָר אין האַרץ פֿונעם פּאָעט וועט ער
אין אײַז פֿאַרפֿרוירן ווערן,
און פֿון וואַלד די וועלף און די בערן
וועלן קומען מיט הונגעריקע צײן
אויפֿפֿרעסן זײַן שטיין.

אַליין נאָר די נאַכט
הינטערן וואַלד
אין שנײ צעגאַנגענעם
וועט באַווײנען קאַלט
דעם פּאָעט פֿאַרגאַנגענעם.

(1962)

אדורכגעקרײַזט שוין

אַדורכגעקרײַזט שוין דורך און דורך —
און נישט באַוויזן נאָך דערציפֿערן
די אָפֿנקייט פֿון בוך.

פֿון מינדסטער זאַך
דער ווידערשפּרוך —
אין שטאַמלעניש
פֿון שפּאַרעוודיקער שפּראַך.

אומפֿאַרשטענדלעכקייט —
אין פּראָסטער פּשוטקייט.
אין אָפֿנקייט, ווי אין פֿאַרהוילעניש —
בנמצאדיקער סוד.
דינסטער שײַן — אין פֿינצטערניש.

לעבן מײַנס,
טיפֿסטער תהום פֿון אייביקייט.
קוים דעם דאַך
פֿון דעם געדעכעניש באַרירט —
גייסט אַדורך מיט גרעסטער גיכיקייט.

אַ מזבח

„ס׳איז די וועלט אַ מזבח״, —
האָבן פּאָעטן געזאָגט שוין פֿאַר מיר.
נאָר איך טראָג דעם ריח
פֿון אָקערשט פֿאַרברענטן אין מיר.
אויך דער, וואָס איז נאָך נישט געשטאָרבן —
בין איך,
און ס׳וואַרט דער מזבח אויף גיך
אויף זײַן קרבן.

אין צימצום פֿון וואָרט

דער טאָג אָטעמט דורך שפּאַרונעס
פֿון דורכזיכטיק אומזיכטיקע ווענט.
צווישן זאַנגען זעגט אינזעקטן-געזאַנג,
און מיט שמעקעוודיקער ריַיפֿקייט וואַקסט דאָס פֿעלד.
— שיין איז, גאָט, דיַין רחבֿותדיקע וועלט.

פֿרילינג-פֿייגלשער געזאַנג,
און בלומענזאַפֿט אין זמר פֿון דער בין
אויף דינע כוואַליעכלעך פֿון ווינט,
פֿון קיינעם נישט דערהערט.
— שיין איז, גאָט, דיַין וווּנדערלעכע ערד!

אינזעקטן גיבן איבער זיך צו חיי-שעה,
תּענוג אונטער אומגעשטערטן שטיין.
די זון זיפּט ריינסטן פּערלדיקן שיַין,
און איטלעך גרעזעלע מיט לויטערקייט זיך נערט.
— שיין איז, גאָט, דיַין לויכטנדיקע ערד.

און אָט — אַ שוידער-שאָטנדיקע האַנט
מיט נעגלשאַרף מיך ווערגט און וואַרפֿט
אין תּהום פֿון אָפּגעלעבטע טעג,
און זוניק-לויכטנדיקער טאָג מיר פֿינצטער ווערט.
— שיין איז, גאָט, דיַין טרויעריקע ערד.

דער ים, דער ים...

אין אכזר־ברעגן פֿאַלט דער ים אַרײַן,
אין רויש אין אייגענעם פֿאַרטויבטן. ער שרײַט
מיט קולי־קולות פֿון וועלן פֿרײַ זײַן,
נאָר אַרויסגיין קאָן ער נישט פֿון זײַנע מאָסן,
ווו עס זײַנען זײַנע וואַסערן צעגאָסן.

ער קאָן די ברעגן נישט אַריבער
און קאָן נישט זײַן געבונדן. די עלעמענטן
אין די טיפֿן, ווי פֿאַרלוירענע אָקרענטן
פֿון אַמאָלן, רײַסן שטיקער, און די כוואַליעס זײַנען שיכּור,
שפּײַען שוים און גרינע גאַל — אַזוי־אָ וואַל נאָך וואַל —
און יעדער איז אַ גיבור אינעם איבערפֿאַל
אויף רגעדיקע שוימען. קוים זיי שליסן זיך אינאַנדער,
טרײַבן ווילדע כוואַליעס שוין צו וואַנדער.

אין סטאַדעס שאָף פֿאַרוואָגלטע און אָן אַ פּאַסטעך
פֿאַרוואַנדלען זיך די שוימען — פֿאַרצוקנדיקע וועלף
מיט שאַרפֿע ציינער — די כוואַליעס יאָגן זיי,
מידע ברידער מײַנע, וואַנדערער איינטאָגיקע.
שווימט לבֿנה אָן, אַ פּאַווע אַ לאַנגעקיקע
און בלאָע — גאָרנישט ווי אין גאָלד פֿון מעשׂה־ביכל,
ווו די פּאַווע איז געפֿלויגן און אַ פֿעדערל פֿאַרלוירן, —
אַ צעפֿעדערטע לבֿנה, אַ קנויל פֿון באַנוול ווײַסן,

שפּינט אַ רעגנבויגן אויף דער קאַנווע פֿון דעם טונקלדיקן
הימל,
ווי עס ווימלט נאָך מיט כּרובֿימלעך און שׂרפֿים
אין טיפֿע חושכדיקע שטחים.
און דער רעגנבויגן שפּילט מיט אַלע זיבן פֿאַרבן
אויפֿן צויבער פֿון די בלאָע שוימענרינגען
מיט ווירטואָזיש דינע זויבערדיקע פֿינגער.

אין וואַלד פֿון בלוט מײַנעם גייט אויף געשריי
פֿון זיך טרינקענדיקע שיפֿן.
און דער ים, דער ים מיט גלײַכגילטיקן פּליסן,
הגם אין טויזנט פּעדעמלעך צעריסן,
זינגט זײַן שלימות-ליד פֿון זײַנע טיפֿן
מיט איטלעך וועלעכל, אין לויף אין אייגענעם פֿאַרפֿאַלן,
דאָס שלאַנקע וואַסערליד
פֿון די געאַסרטע-אומזיכטיקע,
אין טיף פֿון זיך צעלויפֿנדיקע קוואַלן.

אין וואלד

די זון פֿרימאָרגנט דאָ פּראַכטיק,
טאָגט דאָ און נאַכטיקט.
די קאָרליקלעך־פּרחים
אין פלאָנטער פֿון צווײַגן,
און קווייטן
פֿון ווײַסטעניש שפּראָצן.

איך גיי אין גאָטס דרכים
און שפּיר דאָ זײַן רצון
אין שרצל מינדסטן,
אין פֿינצטער
פֿון ביימערשע לעכער
און שפּאַלטן.

דו מוזסט זיך אַ רגע פֿאַרהאַלטן,
בן־אָדם,
קלעטער נישט העכער
אויף קופּעס פֿון צווײַגן, —
געפֿין נאָר אַ שטראַלעכל־פֿאָדעם,
וואָס קנוילט זיך

און קנײַלט זיך
אין ליכט
פֿון די דורכלויכטן שטילע,
פֿון קוסטעס און שטרויכן,
וואָס ציִען זיך,
מיִען זיך
גרייכן די הייכן.

פֿאַל אַנידער און קני
און באַהעפֿט זיך
מיט טונקעלן שאָטן,
מיט חיהלע קלענסטער,
וואָס ליגט דאָ צעטראָטן.

אַ טויב אין רעגן

אין אַ רעגנדיקן טאָג ניו־יאָרקער
אַהינטער פֿענצטער פֿון בעטאָנענעם האָטעל
האָט אַ טויב, מסתּמא גרוי, געוואָרקעט
מיד און זיך געקלאָגט, ווי יעדערער, ביַי פֿרעמדער שוועל.

און טאָקע — ווי קומט אַ טויב אַהער אום ווינטער?
גאָטס באַשאַף. ווי אויסטערליש ער זוכט זיַין רו . . .
וואָרקעט, בענקט, און ס׳ווערט פֿון בענקענישן גרינגער,
ווי יעדערן פֿון אונדז — ווי איך, ווי דו.

איך האָב דאָס קלאָגן פֿון דער טויב פֿאַרנומען,
און דער רעגן האָט געוויינט, גענעצט, גענאַיעט מאַנאַטאָן.
פֿון נעסט דער נאָסער איז די טויב אַרויסגעשווומען,
נאָך אַ פֿלאַטער טאָן געפּרוּווט — און נישט געקאָנט.

דורך אויפֿגעמאַכטן פֿענצטער כ׳האָב באַשיַימפּערלעך
געזען: די טויב אין דאַלעדיק געשטיין
האָט צאַפּלדיק אַרויפֿגעווינט צו נעסט און טיַיבעלעך —
און אויפֿגעקוואַלטער רעגנגאָס האָט מיטגעוויינט . . .

שטיל פֿאַרוועלקטע בלעטלעך

שטיל פֿאַרוועלקטע בלעטלעך מידע
אין די אַלטע לידערהעפֿטן
מײַנע, נישט פֿאַרעפֿנטלעכטע,
ווידער זיך צעבליִען
און צינדן זיך, ווי שבת־ליכט,
מיט דינע אותיות
פֿון שם־הויה.

ערשט האָט אָפּגעגליט
די תּפֿילה פֿון דער מאַמען,
און מיט קרעפֿטן נײַע
נעמט זי זיך צוזאַמען
אַ ביסל פֿרייד
כאַטש צוצוגעבן
דעם טאַטנס שבתדיקן זמר.

און ס'דאַכט זיך מיר:
דער שבת הײַנט פֿאַרטראַכטער איז
ווי שטענדיק.
און איידער מ'האָט פֿאַרענדיקט
איבערגיין די בריק
פֿון דעמערגראָ
צו תּכלתדיקער שײַן, —
אויף אַלע כּלים רײַסן זיך אַרײַן
די קולות פֿון ערלים
און דעקן צו די שבתדיקע רו
מיט שוואַרצע קליידער
פֿון אַבֿלים.

א י ד י ל י ע

מײַן היים מײַן ליימענע,
אין דערפֿל ייִדישן פֿאַרטוליעטע.
דער אָוונט יאָגט אויף פֿערד אויף ווינטיקע
פֿון ווײַט און טראָגט גערוך פֿון חלמנא,
קטורת־דאַמף און בעז
אין צימרינג־זומערדיקער לופֿט.

און איידער נאָך דער אָוונט קומט אין דאָרף אַרײַן
און ס'ברענען נאָך די בערגלעך רויט,
דער זשאַר פֿון טאָג נאָך נישט פֿאַרשאַרט, —
וויקלט זיך אין טלית־תּכלתדיקן שאַל
פֿאַר פֿרי די נאַכט.

די שטערן דרייען אויף די בליצלאָמפּן
פֿון אין־זיך אײַנגעטריפֿטן טײַך,
און לאַנגזאַם קריכנדיקע זשאַבעס
ציִען אָן אין קאַמערטאָן דאָס קול,
און ס'ציקלט זיך אַ זמרל
אין ערבֿ־שבתדיקן זײַד.

פֿון יענער זײַט פֿון הימלבראַנד
צו פֿוס, אַ באָרוועסער,
דער שבת־קודש קומט.
און טראָט בײַ טראָט
פֿון שטיבל־אײַן און שטיבל־אויס

ער צינדט די בענטשליכט אָן.
און איינס בײַ איינס
די פֿלעמלעך צוקנדיקע טובֿלען זיך
מה־טובֿהדיק אין טײַכל בלאָ און גרין.

און ס'שפּרייט זיך אויס די רו,
אַ סאַמעטענע קלייד
אויף די אויסגעדאַרטע לענדן
און פֿאַרלענדנדיקער שיינקייט
פֿון מײַן מאַמען.

מײַן טאַטנס שטעקן בליט

די אַנעמאַנעןָ בליִען מיט חידוש
אין מײַן נישט-געחלומטן גאָרטן.
(אַ מאָדנע וואָרט אין ייִדיש.)
איך בין אַליין דאָרטן געווען
און מיט ייִדישע אויגן געזען
זייער ווילדן וווּקס
(אַ גוייִשער גאָרטן דע-לוקס).

אויף מײַן ייִדישער לאָנקע
די קראָפּעווע בליט,
און ס'שמעקט מיט גרינע ציבעלעס און צוויט.
אַ ציגעלע בלאָנקעט פֿאַרלוירן,
און ס'געפֿינט איר בלעקעניש קיין אויערן.

איך בין אַ קלײנער פּאַסטעך
פֿון אַ גרויסער סטאַדע.
דער טאַטע האָט מיר זײַן שטעקן
מיטגעגעבן פֿאַר אַ ליאַדע
כּלבֿ, וואָס קען זיך נאָר באַווײַזן אויפֿן פֿעלד.
— על כּל צרה שלא תּבֿוא — זאָגט ער —
אין אַ פֿרעמדער וועלט.

פֿאַר פֿרי דער אָוונט פֿאַלט,
און ס'לויפֿט די סטאַדע
ווי פֿון וועלף אין וואַלד.
די שטערן מערן זיך ווי זאַמד
אויפֿן דאָרפֿישן שליאַך,
און ס'גייט דער פּחד נאָך,
ווי פֿון שאָף פֿאַרן שעכטן
(מײַנע בלאָנדע שעפֿעלעך פֿון נעכטן).

נאָנט פֿון שטוב די סאָווע קלאָגט,
און ס'וויינט אַרויס פֿון גרוב
דעם טאַטנס מעריבֿדיקער ניגון
מיטן סומנעם מעקען פֿון די ציגן
בײַ דעם דערפֿל פֿון פֿאַרנאַכטן.
פֿון מײַן פֿענצטערל פֿאַרמאַכטן
טרײַבן פֿײַערפֿליגן אָונטיקע שרעקן.
(מיט טרויער בליט מײַן טאַטנס שטעקן.)

וואָרט

מיין וואָרט נאָך אָקאָרשט געבוירן —
און שוין אַ וואַנדערער אין דאָרשט.
און ס'ליגן אומוועגן פֿאַרלוירן,
לעכצנדיק נאָך רעגן,
אַ טראָפּן טוי.

מײַן וואָרט אַזוי
אויף שמאַכטנדיקן גומען —
אַ קוואַלעכל אַזאַ ׳מין
אין שויב פֿון מדברדיקער ווײַט.
איך גלייב: ער'ט ניט פֿאַרזאַמען,
ער וועט נאָך אָנקומען אין צײַט.

שניטצײַט

יעדן טאָג פֿאַרזײ איך
מיט נײַער האָפֿענונג מײַן האַרץ.
גײ איך
און װאַרט אױפֿן שניט.
דער טאָג גײט מיט מיר מיט.
נאָר האַרט בײַם פֿאַרנאַכט צו —
זע:
עס האָט זיך צעבליט
אַ רױז פֿון דער שקיעה
אין מײַן ליד.

מײַן זיידנס פערד-און-װעגעלע

איך גײ צו פוס, אפילו
װען איך פלי אין עראפלאן.
פון זיידנס פערד-און-װעגעלע, במחילה,
איז דאָך סך-הכל נאָר אײן שפּאַן.

מײַן זיידנס גײן — דער אַלטער װעגן-גײער —
מיטן קלומעק בראָך און ברכה איבער דערפער,
און איך — דער נײַער װאָלקן-גײער —
ביידע בראָך-פּאַרקויפער אַן אַן ענפּטער.

אַוודאי ברענג איך גיכער מײַן װאַליזע,
װי מײַן זיידע, אויף געמאַרקן.
נאָר קוים די פרעמדע האַנט באַרירט די ציטערדיקע װיזע,
הייבט דער קנאָפּ אין האַלדז מיך אָן צו װאַרגן.

דער קנאָפּ צעשפּיליעט מיר דעם גאָרגל,
און די קלומקעס מײַנע, װי די קעלבער,
ליגן אויסגעשאָכטן... אַן אַנדער כאָרכל,
נאָר דער קוילער, — אוי, דער קוילער! — איז דער זעלבער.

און ס׳גיט מײַן פֿערד־און־װעגעלע אַ טראָג זיך אין די הייכן,
װי ס׳פֿלעגט דער רוח אַ מאָל אַ כאַפּ טאָן דעם מלמד,
און איך גיי מיר בײַ דער זײַט אַזוי, דורך װאָלקנס און דורך רויכן,
און דער הימל איז אַ טליתל פֿון סאַמעט, —

און ס׳פּאַשען שעפּסן זיך און מעלה־גרהן נעפּלדיקן גראָז.
און װאָס מיר הימל, װאָס, װען ר׳איז געגעבן נאָר צו גאָט!
און דאָס אייביק רײַסן זיך פֿון נאָפּל פֿון דער ערד — איז װאָס?
איך גיי מיר מיט מײַן זיידן טראָט בײַ טראָט.

און קלאַפּ מיט אים אין טיר פֿון הימל אָן
און װאַרט אויף אַלטן ניסימדיקן רוף. — — —
און װען סע שטייגט דער גאַנצער עולם אויס פֿון עראָפּלאַן,
בלײַבט נאָך אַלץ אין הימלען פֿלאַטערן מײַן זיידנס גוף.

אין מעמאָריאַם

(דעם אָנדענק פֿון יוסף אָפּאַטאָשו)

איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט
אויף מײַן געלעגער פֿון בײַנאַכט
מיט האַרץ פֿאַרקלעמט אין פֿויסט.

ווער האָט מיר די בשׂורה פֿינצטערע געבראַכט
מיט לידער דײַנע נישט-דערזונגענע,
וואָס גייען אויף פֿון שורה יעדערער פֿאַרשטומטער
און פֿאַרשעמטע בײַם פֿאַרגיין?

אָקערשט האָט דײַן האַרץ גערעדט נאָך אין דער פֿינצטערניש,
גערעדט צו זיך אַליין,
און אויפֿגעכאַפּט פֿון קינדער-וויגן דאָס געוויין.

נעם און וויקל אײַן דאָס ליד,
דאָס נישט-דערזונגענע, מיט זוימען זון
אין וואָלקנדיקע פֿאַרמעטן פֿון טאָג.

מאָרגן וועט דײַן ליד נאָך אויפֿזינגען
אין זאַנגען גאָלדענע פֿון פֿעלד,
וואָס דו האָסט נאָך פֿאַרזייט.

די אויגן אַנדערע אין צווישנשײַן,
וואָס דו האָסט נישט דערבליקט,
וועלן מאָרגן נאָך אין ערבֿ־טאָג
אַדורכרײַסן די נעפּלדיקע וואַנט,
וואָס שטייט נאָך אַלץ בײַם ראַנד פֿון לעצטער שעה.

און זײַן וועט אין דעם חללדיקן ליכט
די פֿולע אייביקייט פֿון נישט־דערזונגענעם געזאַנג,
וואָס פֿליסט אַוועק מיט דער לבֿנה,
ווײַס און גרויס,
ווי דו אין אייביקייט פֿון באַרג.

אַ טיש

מי און מוח־אויסגעמיש —
אַ טיש.
פֿאַרעם און מחשבֿה.
דאָ געזעסן איז דער נבֿיא
און פֿאַררעטער.
דער פּאָעט —
אויף זײַנע ברעטער —
האָט זײַן חלום אויפֿגעשריבן.
דער חלום איז פֿאַרשוווּנדן.
און ס׳איז געבליבן
נאָר די ברעט
אויף רונדן טיש —
מי און מוח־אויסגעמיש.

און די וואָר איז אויך געווען אַ חלום

און ער איז געקומען.
איך האָב אים אָפּגעוואַרט.
ער האָט מיך צאַרט אַרומגענומען.

ער איז געווען אַ גוטער מלאך.
אַ חלום, וואָס קאָן נאָר אין חלום קומען.
שניי פֿון זײַנע הענט
און פֿײַער פֿון די אויגן,
און אין זײַנע האָר אַ גילדערנער בויגן.
(און איז אַוועקגעפֿלויגן אויף דער וואָר.)

און די וואָר איז אויך געווען אַ חלום,
הן ווען ער איז אָנגעקומען
והן אין זײַן אַוועקפֿליִען בשלום.

איך בין געבליבן אַליינינק
צווישן טאָג און נאַכט פֿאַרשטייניקט.
אַ ווינטל באַרירט מיך
און פֿאַרפֿירט מיך אין אַ ווינקל.

און אַ מילדקייט
אין דער שטילקייט איז אָנגעקומען,
ווי אויף וועלן,
און ס׳האָבן שטערן זיך צעשאָטן
זילבער־טהור
אין מײַן טרויער.

אין די הימלען פֿון די אַמעריקעס

אויף הענט אויף אומבאַמערקטע טויזנטער
הענגט די נאַכט די לופֿטיקע און אומגעהויערע.
איעדע כוואַליע ווערט דאָ ברויזנדער
אין טיפֿן העכסטע פֿונעם הימל־ים.

דער הימל, ווי ער וואָלט געעפֿנט אַלע טויערן
אַדורכצולאָזן אים, דעם אַדלער־גרויען עראָפּלאַן.

און וואָס וועט העלפֿן דאָ מײַן טרויערן
איבערן אויסלאָז פֿון די רגעס דאָ די שווינדיקע,
ווען נאַכט, די נאַכט זי קומט אַ ווינטיקע
און הענגט מײַן זײַן דאָס זינדיקע
אַרויף אויף דורכזיכט־פֿעדעמלעך פֿון ווינט.

פֿאַראַן אַ גורלדיקע שווײַגעניש
אין העכסטער טיף דער אומגעהויערער.
און איך, דער אייביק טרויערער
אויף דעם, וואָס איז איין־רגעדיק, פֿאַרגייענדיק,
איך רעד מיט אַקסלשפּראַך פֿון צוקעניש
אין איבערקוקעניש מיט יענער זײַט פֿון אַלץ.

אַ, ווּ איז ער דער אויסלאָז, ווּ,
דער סוף פֿון סופֿן אַלע און די רו?
איך מאַך די אויגן צו און ליוליע מיך
אין הענט אומזיכטיקע אַזוינע, ליכטיקע.

מײַן פּיצל איך, צווישן טויזנטער מיליאַנען
שטערנדלעך פֿאַרזייט, ווי קערנדלעך,
וואָס גייען אויף אַ רגע אויפֿלויכטן,
און — גאָרנישט מער.
און זע: דער שטערנבער, דער אָנזאָגער פֿון ליכט
פֿון אייביקן — דאָס קלאָרסטע ליכט,
ווי טרער פֿון גלייביקן, וואָס טיף פֿאַרגלייבט איז ער,
אַז דאָס, וואָס קומען וועט נאָך אים אין יאָרן שפּעטערע,
וועט קומען ליכטיקער, נאָך שטראַליקער.

איז מעג נאָך כוואַליקער די נאַכט די לופֿטיקע
צעכוואַליען זיך אין אומגעהויערן געיעג —
עס שנײַדט זיך אוים אין מויל פֿון פֿינצטערניש
דער חכמה-צאָן פֿון נײַעם טאָג.

(איבער די דזשונגלעס
פֿון די אַמעריקעס,
1950)

נישט רויב מיך

ניט רויב מיך, ניט לויב, —
איך גלויב נאָך, איך גלויב.

ניט אַלץ איז צעטראָטן,
פֿאַרשאָטן אין שטויב.

הגם אויף די גרויסע געמאַרקן
אַ מאָדע איז אָדעם צו זינגען צום שטאַרקן, —
שעם איך זיך ניט
מיט מײַן ליד פֿון באַדויער,
אין טרויער —
מײַן ייִדישע ליד.

מײַן ייִדישע טרער

לאָמיר חלומען, אַז ס'איז געווען
נאָר אַ חלום. און זאָל אים זײַן
צום גוטן. וואָס אמת: ס'איז אַ פּרוטה
נישט די ווערט
אָט דאָס אומגליק דאָ
אויף דיזער־דאָזער ערד.

און אפשר בין איך טאַקע נישט געווען? —
און אַז יאָ, איז וואָס, צוריק גערעדט?
ס'איז געווען שוין ווען
אַזאַ פּאָעט ווי איך.
ער האָט דעמאָלט שוין גערעדט
צו זיך אַליין.
נישט מער — זײַן טרער איז איצט
פֿאַרקריצט אין ענגעליש.
ס'איז גאָר אַן אַנדער זאַך:
אַ טרער אין פֿרעמדער שפּראַך . . .
און דאָס איז אַלץ.

און דאָך — מײַן טרער מײַן ייִדישע
האָט פּאָרט אַ ביסל מערער זאַלץ.

גלעזערנע טירן

נאָך אַזוי פֿיל וואַנדערונג

נאָך אַזוי פֿיל וואַנדערונג
און וויפֿל ס'האָבן נישט געזען דאָרטן
מײַנע דאָרשטנדיקע אויגן,
זע איך מיך פֿון ס'נײַ בײַם ערשטן באָרטן,
פֿון וואַנען איך בין אַפּגעפֿלויגן.

מע זאָגט, אַז העלפֿאַנטן אַפֿילו
קומען צוריק צום אָנהייב גאַנג
אין פּוסטריט פֿון די שטויבן, —
עס וואַרט אויף זיי דער בוש, די שלאַנג
און די לבֿנה אויבן.

נאָר איך בין צוריקגעקומען
אין אויסגעהאַפּטן האָפֿן
פֿון מײַן לעבן.
די ווינטן־לייבן ברומען,
דער מדבר לעכצט,
און ס'שווענקט דער גרויסער ים
פֿון זאַמד דערנעבן.

מײַן קלײנע װעלט
איז גרעסער פֿון מײַן טרויער.
(בײַם טויער פֿון פֿאַרדאַכטן
שטילע פֿליגל פֿלאַטערן
אין דעמערדיקן װאַרטן.)

די שרעק טוט אָן זיך
גראָע זעק מיט שטײנער.
און די בײנער פֿון די תּהומען
רופֿן מיך בײַם נאָמען.

װי װאַסערפֿאַלן,
שטראַלן פֿאַלנדיקע שטערן.
— „אַזױ װעט איר זאַמלען זיך
און מערן,
װי די טרערן פֿונעם גלות".

(איבער פֿעלדז פֿון מײַן צוקאַפּנס
אין גאַלאָפּן לױפֿן די מזלות.)

און אײדער איך פֿאַרדרעמל,
גײט פֿאַרבײַ פֿאַר מײַנע אױגן
די נאַכט מיט זיבן האָרבן,
װי אַ קעמל אײַנגעבױגן,
און דער שטערנטוך
מיט שטראַלן
דעקט צו דעם פֿלוך פֿון די שאַקאַלן.

גלעזערנע טירן

איך שלאָג אין גלעזערנע טירן:
ברעכט מײַן געשטאַלט זיך אין גלאָז,
ווי איך זוך — אַ שלאָס.

הענט צעשטראַלטע פֿירן,
פֿירן דורכן גלאָז, —
ס׳פּנים מײַנס — אַ שרעקעוודיקער האָז.

שפּרינגען אום אויף מײַן געזיכט
מײַזלעך דרײַ — די אויגן מיט דער נאָז —
ביז זיי ברעכן דורך דאָס גלאָז.

דורכגעבראָכן, עפֿענען זיך גיך
טיר און טויער — שלאָס נאָך שלאָס —
אין מײַן פּנים שטיקער גלאָז . . .

קוואַלן

פֿון פֿאַרגעסן־טײַך
טויכט אויף
פֿון געדעכעניש אַ סימן:
אַ גרויס פֿאַרלוירן פֿעלד,
גרינע אינדזעלעך דאָרט שווימען.

אויפֿן הויכן פֿערד
אַ רײַטער קריצט
אין שוים פֿון היץ
די גראָע ערד.

פֿון ווײַטן טײַך אַוועק.
איך וואַרט אויף וואָס?
(ס׳פּלאַצט אויף גיך
דערמאָנונג־גלאָז).
די עובֿדא מ ע נ ט ש —
איז טראָגן שרעק
אין זיך אַליין.

אַ שוידערנאַכט
אַריבער תּהומען.
און ווי טראָפּנס אויף אַ שטיין,
טריפֿט און שטראַלט
דערמאָנונג־שײַן,
וואָס איך קאָן נישט אָנרופֿן
בײַם נאָמען.

אַ שפּיגל בין איך

א

אַ שפּיגל בין איך: אינעווייניק אויסגעבויגן
און פֿון דרויסן צירקלען אומגעדרייט — די אויגן;
אין זיך אַרײַנגעבליקט, פֿון קיינעם נישט־געפֿירטער,
זיך אַליין פֿאַרמשפּט — אָביעקטיווזירטער שופֿט —
איך באַפֿעל:
אָ, טראָגן זאָלסט דעם עול
פֿון שולדיקייט אומאויפֿגעהערט,
און מיט געדולדיקייט באַצאָל פֿאַר יעדן שפּאַן,
כּל־זמן דו טרעטסט די טרויעריקע ערד.

ב

פֿאַרדאַכט מײַן הויז פֿון יעדערן פֿאַרדאַכט,
וואָס שאַרט זיך פֿאַרכטיק, און אין זומפּן
פֿונעם אויג זיך אײַנגעשרומפּן
און פֿאַרקלענערט ביז צום מינדסטן;
דעם שאַרך דעם דינסטן אויפֿגענומען
הינטער טיר און טויער צוגעמאַכטע
פֿון מײַן רעיון.

אַ שטילע שײַן האָט דורכגעשלאָגן
און געליכטיקט אין באַוווּסטזײַן
פֿון מײַן דאָזײַן אויפֿגעמונטערט;
באַשײַמפּערלעך געהערט די טריט
פֿון דעם, וואָס קומען דאַרף
אויף שאַרף פֿון אומפֿאַרמײַדלעך.

פֿאַרשטילטע שעה פֿון ווינטיקן יאַריד
פֿון לעבן מײַנס אין פֿליִענדיקע בײַדלעך.

טעג אויף דער ערד

א

ווי די תבואה
אין שניטערס האַנט,
דו בייגסט מיך אין יאָך
נאָך אַנאַנד
און דו ברעכסט מיך
אין מײַן בראָך.

צו אַ זאַנג איז
געגליכן מײַן ליד
אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד
פֿון אַ וועלט,
וואָס פֿאַרגאַנגען.

און וואָס דער זומער
האָט פֿאַרהיט,
שפּעטער רעגן
צעשיט
אויף די וועגן.

ב

קיין זאַך נישט פֿאַרגעסן ווערט
אָדער אַלץ ווערט פֿאַרגעסן,
וואָס געווען דאָ אויף דער ערד,
ווען דו ביסט נאָך געוועזן.

די דינע שטענגעלעך
פֿון דײַן פֿאַרגעסנקייט
וועט די צײַט
צונויפֿנעמען און גאַרבן,
און ווי ערשט פֿאַרזייטע זאָמען
אין צעאַקערטע בייטן,
וועלן זיי אויפֿגיין
אין דײַן נאָמען
נאָכן שטאַרבן.

ג

מיר וועלן אַרונטערגיין
פֿון הויכן באַרג
אין טיפֿן בלעטערוואַרג,
ווי די זון פֿאַרגייט.

די שטראַלן וועלן פֿאַלן
איבער אונז ווי רויכן
אין פֿרירנדיקן וואַלד.

די ווײַט וועט זיך דערנענטערן,
נאָר ס׳וועט קיינער
גאָרנישט נישט פֿאַרענטפֿערן.

מיראַזשן

דײַן זײַן איז געווען אַ מיראַזש נאָר
אין שאָל פֿון באַגינען,
און איצט וועט די זון זיך פֿאַרשפּינען
אין בלוטיקן שפּינוועבס
פֿון פּליאַזש דאָ.

פֿון שיפֿל די וויאָסלעס
פֿאַרוואָרף זיי — צו וואָס דען?
די וואַסערן טרײַבן ממילא פֿאָרויסער.
און זע — אַ קאָפּ אַזאַ גרויסער:
די זון האָט אויף שאַרפֿן פֿון טאָג
זיך צעוואַקסן.

ווי הערנער פֿון אָקסן,
די שטראַלן זיך שנײַדן
אין שטאָל
פֿון די וואַסערן־שפּיגלען.
אַ רגע נאָך, שפּירסטו —
און ס׳וועלן דיך פֿליגלען
פֿאַרטראָגן
אין רוימען.

און ווי נאָר דו טראַכטסט דאָ —
אַ בליץ פֿאַר די אויגן —
עפּנט ווו אויף זיך אַ טירל
פֿון גראַינקע וואָרן.
דו כאַפּסט זיך —
דו ביסט נאָך אַפֿילו
צום ברעג נישט דערפֿאָרן.

נאָכן שטורעם

די דעמבעס פֿאַלן אויפֿן שליאַך,
פֿון וואַלד צעלאָפֿענע,
ווי פֿון דונערן געטראָפֿענע.
און יעדער קראַך
דערמאָנט דעם שטורעם,
ערשט אַרײַנגענומענעם אין פֿורעם.

פֿון הרים קומט די נאַכט
מיט בשׂורות אויסגעקריצט —
שפּעטע ווײַזערס ווײַזן דעם מאַרשרוט.
און ס׳קומען איצט
די אַלטע וואַנדערער דערוואַנדערן
דעם גלוסט פֿון וואָגל נישט דערלעבט.

און ס׳קלעפּט די נאַכט, ווי קלעק,
פֿלעקן שרעק אויף טיר און ווענט.

און ווי אַ גייער איבער הײַזער,
שלאָגט אין טירעלעך דאָס בלוט:
— דו ביסט נאָר דער איבערווײַזער
פֿון אַ נאַכטיקן מאַרשרוט.

בעת דער גייער אַ נדבֿה
פֿאַר זיך לעשנדיקער טרייסט —
נישט דו ווייסט, פֿון וואַנען קומט ער,
נישט דו ווייסט, וווהין ער גייט.
און יעדער טראַט זײַנער דערמאָנט דיר
די שטילקייט פֿון אַ שטורעם אין אַ שייד.

א ווײַסער טאָל

(ליוסיען)

דער טאָג — אַ ווײַסער טאָל,
אַ שנייִיִקער און ווײַטער.
ווער זאָגט מיר, ווער: „באַצאָל
און לײַטער זיך אין אייגענעם געלײַטער"?...

די בערג, וואָס איך האָב אײַנגעהיט —
אין פֿלי פֿון שווונגיקער מינוט,
אין טיפֿסטע פֿאַלדן פֿון געמיט —
אָט בייגן זיי זיך אײַן און פּלאַפּלען: „גוט!"

דו האָסט געהאַט אַ מאָל אַ שעה
פֿון אויסגעחלומטקייט און רו, —
איצט קומט זי אָן, זי'ז דאָ,
דו וואַנזיניקער וואַנדערער, אַ דו!

דערמאָנונגען-דעמאָנען דעקן אָפּ
די פֿאַרהאַנגען פֿון פֿרײַיִקע פֿאַרטאָגן.
און אין די וואָלקנס שווימט דער קאָפּ —
אַ שיף — פֿון גוף אַוועקגעטראָגן.

אין דערמאָנונג

מײַן דערמאָנונג וועגן דיר — די שטויבן
די צעווירבלטע, פֿון ווינט צעשאָטן און צעווייט.
אָט זע איך דיך אין דויערדיקן גלויבן,
אין סאַמע מיט צעשניטענעם פֿון טויט.
נישטאָ קיין טירן מער פֿאַר דיר פֿון טעג,
וואָס זאָלן פֿירן דיך צו חלומדיקער ווײַט.
די ווײַט אַליין אַן אָפּגרונט איז. און איך,
פֿון ווײַט געקומענער, זינט דו ביסט אַוועק, —
דעם אומרו דײַנעם זוך אים אום אין זיך.
און הער איך ווען אַ קול אין נאַכט, וואָס שרײַט,
דערקאָן איך דיך אין קול, נאָר קיינער
אויסער מיר דערהערט עס נישט. די שטיינער
שווײַגן אויס דײַן רו, דאָס קול פֿאַרשווינדט.
איך קלײַב דײַן נאָמען אויף אין זאַמד,
וואָס אין דער האַנט מײַנער צערינט.

פ אַ ר ג ע נ ג ל ע כ ק י י ט

אַן אייביקייט
פֿאַרענדיקט זיך אין רגעם.
אַן אַ וואָלקנדל דער טאָג גייט אוים
אין ריינקיים.
זיך אַליין איך פֿרעג, צי מעג איך
פֿון פֿאַרגענגלעכקייט
פֿאַרצייכענען די שיינקייט.

עס בלײַבט
פֿון אַלע וווּנדער פֿון גאַנצן וועלט דאָ
אַ שפּור, אַ שײַן,
אַן אַראָמאַט, זאָל זײַן, פֿון לעבן.
און פֿון אַלע שטאַרביקייטן
איינע מיר געפֿעלט דאָ:
ווי דער טאָג אין שיינקייט
זיך דעם הימל אָפּצוגעבן...

און אַ זינגענדיקע גרינקייט
אַזאַ גרינגע
זאָל באַגלייטן מיך
אין לעצטע מײַנע שײַנען.

און דער ציטער צאַרטער
פֿון דײַנע דינע פֿינגער
זאָל באַפֿרײַען מיך
פֿון אַלע פּײַנען.

און אין הימלען־אָפּגרונטן
מײַן גוף,
וואָס שוין דערוויײַטערט,
זאָל אויסגיין,
ווי דער טאָג
אין שענסטן שײַן
פֿון זײַן
דערטלויענדיקן שײַטער.

שפּיטאָל־לידער

ביים ים־ראַנד כ׳בין אַן אַזיערע —
אַ שמאָלער פּאַס מיט גראָז און גרין אין קיינעמס לאַנד.
עס קומט אַהין דער גרינער פֿיש פֿון טרויער
און פֿאַלט אַריין אין מײַנע טיפֿן.
אַ טייל פֿון מיר איז ער, זײַן מקור איז מײַן בלוט,
אַרײַנגעטריפֿט דורך דינע נאָדעלער פֿון פּײַן.

די רו פֿון מײַנע אינגעווייד ער וועקט,
און כאָטש ער איז אַ פֿיש פֿון ים, דאָך שווימט ער גוט
אין שטילער אַזיערע פֿון בלוט.
עס האָט אים גאָט אליין געשיקט מסתּם,
און זײַן מאַרשרוט איז אַנגעמערקט.
ער צאַפּלט זיך פֿון שרעק, און זײַן צאַפּלען
קוקט אַרויס פֿון מײַנע אָפּלען.

דעמאָלט ווערט מײַן אָנגעזיכט
אַ שטאָפּל בײַ דער ערד,
און ס׳ווערט מײַן איך
אײַנגעשרומפּענער אין זיך.
שטילערהייט

איך הער א שאָרך פֿון רייד,
וואָס קיינער הערט זיי אויסער מיר.
רייד פֿון יענער זײַט פֿון פּולט,
פֿון דעם וואָס רעדט פֿאַר קיינעם ניט.

איך ווער א תּפֿילהדיקער ייִד,
אַן אויסגעדאַוונט סידורל, א טל־ומטרל,
ווי ס׳דינע אָדערל,
אין וועלכן ס׳פּליסן רויטע קײַלעכלעך
און ווערן קנײַלעכלעך פֿון לעבעדיק געוועב, —
און כ׳לעב!

(1966)

אַ טײַך

אַ טײַך, וואָס גייט אַריבער —
איך גיס מיך אויס
און ווער נישט ליידיק.
שאַרפֿע שפּורן פֿון די שטורעמס גרויסע
בלײַבן בײַ די ברעגן.

איך קום צוריק אַרײַן
אין מײַנע טיפֿן.
און ס'פֿליסט דער טײַך פֿון טעג,
נאָר ס'ווערט דער ים נישט פֿולער.

אַ בוים אַן איינאַליינער
דאַרשט צו טרינקען פֿון מײַן טרויער.
זײַן האַלדז איז לאַנג,
נאָר ס'וואַסער טיפֿער איז —
פֿון זײַן לעכצן טיפֿער.

איך בין מיד

אייביקער ים אין באַוועגונג.
ווי אַ הירש איז ער יונג,
מיט זײַן יעטוועדן שפּרונג.
און איך, בײַם ברעג שוין
אַ גרייטער,
מיט אַלץ וואָס כ׳פֿאַרמאָג נאָר,
מיט אַלץ.

איך בין מיד
און מיט דאָרשטיקער ראיה
כ׳טרינק אָן מיך מיט זאַלץ
פֿון דער שקיעה
ערבֿ מײַן גרויסער נסיעה.

(1970)

אַ ווינט בין איך

אין אוניווערס פֿון פֿאַרמען און קאָלירן —
אַ ווינט בין איך מיט זוכנדיקע פֿײַלן
אינעם לאַבירינט אָן פֿענצטער און אָן טירן.

אַ ווינט אין הוילנדיקן אײַלן
צום יאָגיקן געשפּאַן,
וואָס טראָגט אַוועק די נעכט און טעג
צום שניט פֿון אָפּגעהאַקטן וועג,
וואָס פֿירט נישט מער צוריק.
אַ שפּאַן דער וועג —
און יאָרן ווי איך אײַל צו אים אין שרעק.

פֿאַרלוירענע פֿרייד

גיי נאָך ניט אַוועק,
איידער ס'קומט דער אָוונט אָן.
לאָמיר אויפֿזוכן די פֿרייד די פֿאַרלוירענע,
דעם ניגון דעם פֿאַרגעסענעם אין האלדז, —
ס'איז נישט אַלץ פֿאַרפֿאַלן נאָך, נישט אַלץ.

לאָמיר אויפֿזוכן דאָס ליכט
אין פֿינצטערניש, וואָס קריכט
מיט טויזנט פֿיס, —
געוויס איז עס פֿאַראַן, געוויס.

מע דאַרף זי אויפֿזוכן — נישט מער.
אין פּערלדיקער טרער אַפֿילו
פֿון דײַן אויג אַט איצט
אַ בלויינק מענטשעלע דאָרט זיצט
אין קוועלנדיקער פֿרייד.
ער זעט, ווײַזט אוים, די ווײַטקייט ווײַטער
אין געלײַטער פֿון דײַן אויג.

דער טאָג פֿאַרגייט, פֿאַרגייט.
גרעסער אָבער פֿון דער פֿינצטערניש צעשפּרייט
איז דאָך דער דאָרשט נאָך ליכט, וואָס שטראַלט
אַקאָרשט אויף דײַן געזיכט.

דאָס האַרץ

איך זאָג, אַז דאָס האַרץ
איז אויך אַ מין שווערד:
קוים עס באַוויַיזט זיך אַרוים שטילערהייט
פֿון דער שייד — איז עס גרייט
שוין צו ווערן אַ רוצח אויף דר'ערד...
און דו מיינסט, אַז ניט? —
כ'האָב אַליין
ערשט געפֿילט פֿונעם האַרץ אַזאַ שניט,
ווי פֿון שווערד
אויפֿן שאַרף פֿון אַ שטיין.

גיי זײַ אַ העלד

גיי זײַ אַ העלד
און שטעל זיך אַנטקעגן אַ וועלט,
וואָס נישטאָ איז.
עס לועז געוועלטיקט דאָרט איצט
אין דײַן גבֿול,
ער זיצט אויף דײַן שטול
און זשליאָקעט פֿון כּוס,
פֿון וועלכן זכרונו־לבֿרכה
פֿלעגט טרינקען,
אין וויטאָג פֿאַרדבֿקהט
ביים אויפֿבראָך פֿון חצות.

אַ וועלט, וואָס פֿאַרמשפּט
און האָט אין איר צער
כּוח אַזוי פֿיל,
וואָס מאַכט דיך צום נאַר
און בייגט דיך אין דרײַען
צו זײַן אירס אַ קנעכט
פֿון וואַכיקן רעיון
איז שלאָפֿלאָזע נעכט.

קליינע נאַכטמוזיק

(אַבעלן)

א

געוויקס און געפּלאַטער פון ווילדוואַלד
רוישט און וואַקסט, פּרוכפּערט און מערט זיך,
איטלעך אינזעקטל ווערט זיך און לעבט;
און איטלעך געפּלאַטערל שוועבט אין די רוימען געדוימע
און פּלאַטערט און זוכט צווישן כמאַרעס דאָס
פּענעצל ליכטשײַן.

מײַן דאָזײַן איז קליין, ווי דאָס רגעדיק לעבן
פון גרינעם אינזעקט, וואָס זינגט אוים די פריידן פון זײַן
און זעגט איבער דעם וווּנדערלעך בלויען אָרום פון דער
נאַכט דאָ —
די נאַכט די פאַרשטילטע אין אייגענעם רוישן.

און איך האָב צעשאָטן די קוישן די פולע פון שעהען פון מײַנע,
צעפּטרט די רגעס פון פרייד, ווי אַ רעגן וואָס פּליצט,
און בלומען די שענסטע פאַרפּלייצט און די קלענסטע
געוויקסן
אויף נאָר וואָס צעפּרילינגטע זוניקע פּליינען...

ב

פֿון טאָגליכט ביז נאַכטפֿאַל —
אַ טראָט נאָר, אַ שפּאַן.
אין טונקלקייט שטראַלט דער זיכּרון.
די וואָרוואַנט צעציגלט —
אַנטרונען,
אין היינט ווערט דער נעכטן צערונען.

אַ שטים מיר פֿאַרענטפֿערט
דעם לויף פֿון די טעג אָן אַ זין.

באַשיימפּערלעך זע איך אין שיין
פֿון די צייטן־געוועבן:
די האַנט פֿונעם היינט מיך שפּורלאָז פֿאַרשפּינט
אינעם ראַשיקן ראָד פֿון מיין לעבן.

ג

אויף בלויער באַק פֿון פֿירמאַמענט
טרערן גאָלדיקע נאָך רינען פֿון דער שקיעה.
איך האָב שיסעלעך געמאַכט פֿון מיינע הענט,
אַ טראָפּן כאַפּן נאָך פֿון פֿליסיקער רקיע.
נאָר איידער וואָס און ווען —
דער גאַנצער הימל־בויגן ווערט
מיט שוואַרצע ליילעכער פֿאַרצויגן.

ד

בלויע אויגנליכט
אויף אויפֿגעמאַכטע זוימענקאַרבן.
אַ רערל האָט געזוימט דאָס בלוי
(אַ בלוי, אַזוי ווי פֿאַרן שטאַרבן),
אַ טרער געפֿאַלן איז, ווי טוי.

וואָס איז אַ טרער? — אַ טראָפּן טוי.
אַ טראָפּן טוי אויף הערץ פֿון שטיין —
איז דאָס געוויין.

טיפֿן ווי פֿון לעבנסזין
ניט טרער פֿאַרהיילט.
און דער טרויער — וואָס?

ער שטעכט אין האַרצן
נאָדלען־דין.
און אין סך־הכּל:
וועלק פֿון גראָז...

ה

אַ שמעטערל פֿון בלוט,
וואָס היט דעם בין־השמשות.
געדאַנק, וואָס גייט אַוועק
אָן אַ ברעקעלע ממשות.

ממשותדיק געטראַכט
און אַ פּיצעלע דערגרייכן,
און ס׳קומט די נאַכט
פֿון אַלע פֿינקלענדיקע הייכן.

ו

איך קום צוריק
אין יונגוואַלד פֿון מײַן חלום.
איבער אָפּגרונטן פֿון פֿרילינג
ציטערן די שטערן.

ווי לאַנג איז דען,
אַז ס'איז די זון פֿאַרגאַנגען,
און ס'בלוטיקן נאָך שאָטנס
אויף דיביימער.

מיט בעבערלעך פֿאַרמאַכטע
קוים וואָס אָטעמען די בלומען;
און כ'הער די טריט מײַנע פֿאַרגעסענע,
וואָס שאָרכן.

איך זוך דעם טענענבוים
דעם גרינעם פֿון מײַן חלום.
נאָר דער פּיקהאָלץ בלינדער
פּיקט אים אויס דאָס האַרץ.

ז

איך גיי אַרונטער־באַרג.
איך קום פֿון דאָרטן,
ווו וועג צו אויסוועג איז פֿאַרשפּאַרט.
איך שפּאַן אַריבער גדרן
מיט שווער זיך שאַרנדיקע טריט.
און פֿון די ציטערדיקע צעדערן
פֿון מײַן אַליין נאָך לירישן גאָרטן
איך ברעך אַ צווײַגל אָפּ — אַ ליד.

ח

אַ טײַכל ציט צום ים
און טרײַבט די וואַסערן
מיט שוימיק רוישנדיקער קראַפֿט.
איך שטיי אין זאַמד.
כ'וועל אַליין מיך דאָ פֿאַרמסרן
פֿאַר גרויסן, גרוויזאַמען באַשאַף:
איך האָב פֿאַרזאַמט.

ט

דער יום-טובֿ פֿון די טעג מײַנע
פֿירט זײַן שיף צום ווײַטן ברעג שוין.
אין וואָך פֿון וואָכעדיקע זאָרגן
דער יום-טובֿ איז אַוועק שוין.

אין גראָען גאַנג ווען
אויף אָט דער טרויעריקער ערד —
וויפֿל יום-טובֿ מער דען
איז געווען אַ מאָל אַ שטערבלעכן באַשערט?

פֿאַרלאָשן אַלע ליכטער,
און אויך די פֿרייד איז אויסגעלאָשן.
דער בעטלערישער אויפֿדערנאַכט
בײַ מיר פֿאַרמאַכטער וואַרט נאָך אויף אַ גראָשן.

און די נאַכט זי וואַרט שוין אויך
אַהינטער פֿענצטער — און זי וואַכט.
ווען דער טאָג פֿאַרגייט אין רויך,
און דער שאָטן שוואַרצער לאַכט
אַרום פֿון יעדן שפּאַלט פֿון טיר
אין צימער מײַנעם, וואָס גייט אויס
אין ליכט פֿון טאָג.

און דער טרויער
פֿון מײַן שיר
דעם ייִדישן איז גרויס.

(1961)

פֿורעמער פֿון אייביקייט

דאָרטן, ווו די וואַסערן רוען,
ווו עס שווימען אַרײַן
אַלע ווײַטקייטן
און די לבֿנה־שיפֿן אַנקערן
אין די אויסגעשניצטע
טיפֿע ברעגן
אויסגעקרומטע, —
אַהין ביסטו אַוועקגעשוווּמען.

דאָרטן, אין דער שטילעניש
פֿון נאָך נישט אויסגעוועבטן חלום.

ווּהין דען האָסטו געקענט
אַוועקשווימען,
ווען אַלע האַפֿנס אָפֿענע זײַנען געווען
פֿאַר דיר פֿאַרמאַכט?

שקיעה אויפן ים

אויגן מײַנע —
קורצזיכטיקע עדות —
פֿיקסירן שקיעה-וועג פֿון ים.

פֿון טיפֿע וואַסערן
ער שרײַט מבֿשׂרדיק און רופֿט
די וואָלקן-שעפֿעלעך פֿון ווײַט
פֿאַרזאַמלען זיך אין אָנקום פֿון דער נאַכט.
פֿון צפֿון פֿורעמט זיך אַ שטורעמווינט —
ער דרייט אַ ווירבלדיקע ראָד.
נאָר ס'האָט אַ ריזיק-פֿלײַענדיקער שמעטערלינג
צעפֿלאַטערט זיך און רײַסט
אין קרײַז פֿון פֿינצטערניש
די פֿעדעמלעך פֿון שטורמישן געפֿלעכט.

צוקט אין ציטערניש
דער מילכוועג ימיקער —
אָקערשט האָט אַ שיף
אים אָנגעצייכנט און פֿאַרווישט.
שושקעט זיך און צישט
פֿאַררעטערישער ווינט,
פֿאַררעדט זיך, רעדט.

דערערדט זיך נישט
אין רעדערדיקן רויש
פֿון וואַסערדיקן צווישעניש
פֿון פֿריִער נאַכט.
פֿון לעצטער שעה
פֿון טאָג פֿאַרלאָשענעם,
וואָס צינדט נאָך פֿונקענווײַז
דעם שקיעה־קרײַז.

און פֿון פינטעלעך צעווינטלטע
וואַקסט אויס אַ שיף שפּוּעיִקע
מיט פֿלאַמענדיקע ווענט,
נאָר ברענען ווערט זי נישט פֿאַרברענט, —
צעריסן ווערט
פֿון פֿליגלדיקע פֿערד אין שלאַכט
פֿון פֿינצטערניש מיט ליכט.
אין לויזע פֿעדעמלעך צעקריכט
דאָס צפֿון־כמאַריקע געוועב. —
טאָ נעם און זינג אַ גנאָדגעזאַנג —
און לעב!

דערמאָנונגען

דערמאָנונגען, ווי ליים,
זיי קלעפּן זיך צונויף
אין ברעכיקע געשטאַלטן.
— פֿון פֿלייש און ביין
און טראָפּנס גײַסט —
בגוואַלד דו גייסט אַרויף
אויף הרודעס פֿון די טעג,
צעשאָטענע אין וועג,
ווי זאַמד פֿון הענט
אַרויסגערונען.

דו האָסט זיי אָפּגעפֿונען.
דו ביסט נישט מער
אַן איינזאַמער פֿראַגמענט,
צעטאָפּלט ביסטו, צעשפּאָלטן.

דער טאָל איז גרויס,
און ווײַט.
דער שטח פֿון דײַן וועג,
וואָס דו ביסט אַדורכגעגאַנגען,
דער צוריק איז אָפּגעמעקט,
פֿאָרויס — אַ שאָטנדיקער וואַלד.

ס'איז די זון פֿאַרגאַנגען,
און ס'קומט פֿון נאַכט אַרויס
די אומגעגנט —
בלאָ־שטערנדיק באַרעגנט.

דײַן עבֿרדיקע וועלט, ווי גרויס
און מעכטיק איז זי,
און אין דײַן וויזיע בלענדט:
דער זילבערפּלום פֿון טײַך
מיט ווײַסע צאַפּלדיקע פֿיש
און בלוט פֿון זונפֿאַרגאַנג באַגלײַך.

אָנהייב טאָג אויף מאָנומענטן

דער טאָג קוקט מיט שולדיקע אויגן אויף מיר.
זײַן ליכט אויף מאָנומענטן שטייניקע איז מוטנע,
און ס'לאַכן נישט די פּנים־שטריכן פֿון די העלדן.
אויך די העלדן זײַנען אומעטיק —
זיי טראַכטן פֿון די פֿאַרלוירענע שלאַכטן.
דעמאָלט איז דער טאָג נאָך שולדיקער
און אָנגעטאָן אין שרעק.
ס'האָבן אויך געשראָקן די אויסגעשטרעקטע העלדזער
פֿון די פֿערד מיט די גריוועס, ווי די האָזן אין ווינט.

ביימער האָבן אויסגעריסן זיך פֿון נאָפּל פֿון דער ערד
און געגאַנגען מיט די זעלנער אין געפֿעכט.
און איצט איז האַרבסט.
די העלדן זײַנען אויסגעשניצט פֿון קיזלשטיין,
און ווייסן זיי:
זיי קוקן צום שיפּוע־לאַנד פֿון באַרג־אַראָפּ.

און די, וואָס קומען אָן
פֿון הינטער פֿרי־פֿאַרטאָגעדיקע בערג
מיט העק און פּעק,
מיט רידלען אויף די קערק, —
זיי וועלן שוין אַ טאָג אַזאַ ווי הײַנט נישט זען.
איבער זיי, די העלדן פֿון דער האַרטער ערד,
אויפֿגיין וועט אַ בליִענדיקער דעמב,
וואָס וועט דורך שטורעמווינט
דעם נאָמען זייערן אַרײַנמורמלען
אין אויערן פֿון קומענדיקער צײַט.

גלאָזיקע וועגן

הימלט אַ גלאָזיקער וועג דאָ פֿאַרויס,
אַ טראָט איז אוממעגלעך צו שטעלן,
און ס'בליקט פֿון די כמאַריקע פֿענצטער אַרויס
אַ מאָנסטער מיט פּנים מיט געלן.
די אויגן, ווי פֿײַלן, די נאָז, ווי אַ נוס,
דאָס מויל איז פֿון לאַנגווײַל צעגענעצט.

נו, דאַנק גאָט, געשטעלט שוין אַ פֿוס —
איז הימלשער וועג אָן אַ גרענעץ.

ווייס איך נישט, ווּ זאָל איך גיין,
און ס'אָוונט דער נאָענטער באַרג שוין.
די זון האָט צעשלאָגן דעם קאָפּ אָן אַ שטיין,
נאָכט מיט פֿאַרכמאַרעטע מחנות באַוואַכט שוין;
באַלאַגערן וועט זי אי הימל אי ערד,
און ס'ברעכט זיך מײַן גלאָזוועג און ציטערט.

מיט שאָטנס פֿאַרשאָטן שטאָקפֿינצטערניש ווערט,
פֿון באַרגשפּיץ די נאַכטיקייט נידערט.

אַוודאי איז געווען אַזאַ בלינדקייט אַ מאָל,
וואָס גאָט האָט געשלאָגן מצרים. —
און איבער די אָפּגרונטן בלינדע פֿון פֿאָלק
איך וואַנדער אַרום נאָך עד־היום...

ב ע ר ג

שלאָפֿן נאָך די בערג, די אויסגעצוואָגענע.
שפּורן פֿון די פֿייגל, ערשט פֿאַרפֿלויגענע,
אויף רוקנס זייערע נאָך זײַנען וואַך.
אַ סך נאָך איז פֿאַראַן וואָס צו באַנעמען
אין אָט דעם קאַלטן דורותדיקן שלאָף
פֿון באַרג און אורגעשטיינערײַ.
אַרײַנגעשוויגענע אין זיך, זיי זײַנען פֿרײַ
אין וווּנדער־וואַנדער
פֿונעם שווימיקן
און בלוי־אַרומיקן אין־סוף.

פֿון זיך צו זיך דאָ צוגעשמידטע,
פֿון זונען אייביקע אַדורכגעגליטע,
עדות שטייניקע פֿון עדהם אייניקע
זינט ערשטלינגטעג פֿון דעם באַשאַף.
און איבער זיי — אַ פֿריִער שפּעטערלינג —
פֿלאַטערט, ווי אַ שמעטערלינג פֿאַר פֿרי,
אַן אויסמושטירטער אַף.

אין דאָרף

עפּל אָנגעצונדענע אין אָונטפּרי;
די זון — זי בלוטיקט נאָך אָראַנזש־קאָליר;
דער פּאַסטעך טרײַבט פֿון פֿעלד די פֿי,
און ס׳וויינט אַ כּלבֿ אומעטיק בײַם טיר.

צוויי שעפּעלער פֿאַרלוירן זיך בײַם טײַך.
ציילט נאָך אַ מאָל דער פּאַסטעך זײַנע שאָף,
און אין בלויען הימל־קיניגרײַך
זוכן שעפּעלעך דעם מילכוועג פֿון אין־סוף.

נאָר דער שטערנוועג — ווײַסע הימלמילך —
צערינט דורך רערן קרומע פֿון די בערג.
און ס׳הילכט אין ברעג אָפּ דונערהילך
און וויקלט אומגעגנט אין לײַלעכער פֿון שרעק.

האַרטע הויט פֿון פּויערן — נאָך שטיקער עלעמענט —
מילדער ווערט אין אָונטשײַן פֿאַרשטילט.
נאָר געסט די שטאָטישע — זיי זוכן אַ „פּאַר הענט"
אין גאַרנדיקער לײַדנשאַפֿט פֿון קאָרטנשפּיל.

די מילכוועג־שעפּעלעך — זיי שלאָפֿן אײַן
אין אָרעמס מוטערשע פֿון נאַכטיקן אָנענד.
און ביזקל ליכטיק בלאָנדן מאָרגנשײַן
פּאַטשן לײדיקגייעריש נאָך קאָרטנשפּילערישע הענט.

אין טאָג

אין טאָג
פֿאַרשריבענעם מיט מעלות, זאָג:
וואָס איז נישט פֿאַרשריבן נאָך
מיט שוואַרץ אויף ווײַס? — זיסער יאָך
און די התפּעלות פֿאַר דער מינדסטער
זאַך, וואָס גייט און קומט פֿון פֿינצטער
צו דער ליכט און פֿילגעשטאַלטיקט זיך
אין אָפּשפּיגל פֿון שפּליטערדיקן איך.

דער טאָג — ער וויקלט זיך אוועק
אין קײַלעך פֿון דער זון בײַם אונטערגיין,
און דער אָוונט צייכנט אינעם שטח אויס
אַ שײַנענדיקן קאָפּ, וואָס האָט נאָר וואָס זיך אַנטפּלעקט,
ווי אויסגעקריצט פֿון שטיין
בײַם פֿוס פֿון פֿורפּלדיקן באַרג.

די גאַנצע וועלט איז אויף זײַן קאַרק
אין אָפּשײַן פֿון דער גייענדיקער נאַכט,
וואָס שפּילט, מיר דאַכט, סימפֿאָנישן געזאַנג
פֿון זיך דערווײַטערדיקע פֿאַרבן...

און דו, נאָר דו אַליין,
אין תּפֿיסה פֿון פֿאַרדאַכט
עלעגיש קראַנק, —
דו טראַכטסט פֿון שיינקייט, וואָס דאַרף שטאַרבן...

* * *

דו זאָגסט:
דער האָז אין גראָז, וואָס יאָגט,
איז דײַן וואָרט, וואָס נישט-דערזאָגט
אין שפּעטער שעה פֿון אָונטשרעק, —
דו ביסט נישטאָ, און גאָר.
ס'איז וואָר.
דו ביסט אַוועק
ווען ס'רירט דער שניי
אין פֿרי-פֿאַרזיי.
און קינד פֿון קינד דײַנס
וויינט אין ווינט,
און טרער זײַנס רינט
אין קוואַל אַרײַן, —
נאָר אין זײַן אויג
גייט אויף דײַן שײַן.

און מיט אַ מאָל:
דו ביסט צוריק אַרײַן אין קרײַז
פֿון קינד און גרײַז,
און אויפֿגעוואַכט פֿון זײַן לעטאַרג
דײַן קול אין ווינט
פֿון טאָל און באַרג.

בריגעמער אין מדבר

א

אַ רו אַזאַ־אַ פֿעלדזיקע, פֿעלדזיקער
פֿון טויט נאָך. ערבֿ דעם פֿאַרגייז
די זון איז רויט נאָך און שוין
רעמלט זי אַרום די נאַכט.
דער וועג, וואָס גייט אַוועק,
ניט מײַנער איז ער און ניט דײַנער.
אין קיינעמס וועג גייט אָפּ מײַן שיף
די אויסגעדאַכטע.
(די ווײַטן זײַנען וואַסערן געוואָרן,
כ'בין אין ערגעץ ניט דערפֿאָרן.)

אַ צעקראַכטע ליגט די נאַכט בײַ מײַנע פֿיס —
אַ שפּיגל אַ צעבראָכענער אין דרײַען.
אַ ניט־פֿאַרענדיקטע לבֿנה פֿליסט
מיט מילך און פֿינצטערניש.
געוויין פֿון עופֿהלעך אין אויסגעמיש
מיט יאָמערדיקן שרײַען.
(אין מדבר גראָבט אויס בריגעמער מײַן רעיון.)

ב

שעפּסן קומען טרינקען
אין קוואַל פֿון מײַן געדעכעניש פֿאַרנאַכטן.
(שעפּסן אין מײַן זומערפֿאַל דעם אויסגעדאַכטן).

דרײַרעדערדיקער רײַטוואָגן
אין הימל ווײַט פֿאַרטראָגן,
און כ׳האָב קיין פֿליגל ניט
דעם רײַטוואָגן דעריאָגן.

אַן אָפּגעהאַקטער בוים בין איך,
נאָר די צווײַגן אײַנגעבראָכענע
אין רעגן גרינען.
(אוי, ווער ס׳איז אַ בוים געווען,
וועט מער קיין רו שוין ניט געפֿינען.)

אָוונטיקע ווענט

שפּעטנאַכטיקער גערּאַנגל

שפּעטנאַכטיקער גערּאַנגל טעגלעכער פֿאַר ברויט
פֿאַרענדיקט שוין.
איך זוך אין ווײַטן חצות
אין הימלמיט דאָס ברויט פֿאַר מײַן געמיט.
די נאַכט אין מדבר-נעפּל ציט
און ס׳רודערן זיך שטערן-וועגענער
מיט כּרובֿימלעך, וואָס פֿירן ליכט
צו דעם אין-סוף.

כ׳וויל ווערן דער באַגעגענער
פֿון הימלישער מאַשין פֿאַרטאָג-צו.
און איך טראָג צו מײַן באַגערן
צו די שטערן —
אויסגעהאַרעוועטע אַרבעטער אָן סוף —
מיט זייער שײַן צו שטערן
פֿינצטערניש אין אויסוועלטן
אין חרובֿע.

די שטאָט פֿון מײַן פֿאַרשׂרפֿעטן געביין
ליגט אײַנגעטוליעט אין געקלאָגן
פֿון אָנהייב טאָג ווי.
איך זוך די רו
פֿון מײַן נישט-אויסגעבראָכענעם געוויין.
אַליין איך קען נישט מער
געפֿינען שוין די טיר פֿון טרערן.

אָ ו ו נ ט י ק ע װ ע נ ט

עס נעגעטערט זיך אונטערגאַנג־שעה —
די בלום פֿון דער זון װערט פֿאַרברענט,
און דער, װאָס איך װאַרט — איז נישטאָ.
אָװנט בױט אױס דינע װענט
צװישן מיר, צװישן אים — און דער װעלט.
זײַן בילד אױף דער װאַנט — פּיִאַלעט,
דערמאָנונג בליט אָפּ און פֿאַרגעלט.
ס'האָט װער דאָ מיט מיר איצט גערעדט,
נאָר ס'האָט אים דער אָװנט פֿאַרשטעלט.

לידער פֿון פֿאַרנאַכטן

א

אין זונענצאַנק בײַ די אין-סופֿן
איז קראַנקער דער געדאַנק
פֿון פֿילאָזאָפֿן און פּאָעטן.

ס׳איז, אמת, דאָ פֿון וואָס צו טראַכטן,
ווען ס׳פֿאַלט דאָס ליכט אין גראָז
און עס פֿאַרנעמט זיך אויף פֿאַרנאַכטן.

עס קומט אַ שאָטן פֿרעמד אין אָוונט שפּעטן
און קריכט אַרום פֿאַרשעמט אויף דײַן געזיכט.
אַ שטראַל אַ קרומער פּויזעט קאַלט און פֿאַלט אויף דײַן געמיט.

פֿון ברעקלעך שײַן נאָך דאָ און דאָרט
וואָרט בײַ וואָרט דו קלײַבסט
און שרײַבסט דײַן אָוונטיקע ליד...

ב

ס'איז דאָ אַ וועג, אַ מהלך ווײַט,
מיט בלאָ און גרין באַזוימטער וועג
און גאָלדיק בליִענדיקע זאַנגען.

אויף אָט דעם וועג, מײַן קינד,
די גאַנצע צײַט,
איז קיינער ביזן ברעג
נאָך ניט דערגאַנגען...

ג

מיר זײַנעןביידע שרעקלעך מיד.
אויף דײַן פּנים — בלויע אָדערן,
נאָר זיי פֿאָדערן
פֿאָדערן צו פֿיל.
זײַ שטיל, מײַן ליד!...
מיר זײַנען ביידע, ביידע שרעקלעך מיד.

(1971)

אין צווישנליכט

א

נאָך נישט די זון פֿאַרגאַנגען,
און איר שאָטן שאַרט זיך אויף די ווענט.
די נשמה איז נאָך נישט אויסגעגאַנגען —
און דער גוף איז שוין פֿאַרברענט.

אין אַשן נאָך
פֿון גופֿים שוין פֿאַרלענדטע
גייט אויף אַ שײַן
פֿון די נשמות נית-פֿאַרברענטע,
אין זונענשײַן, וואָס שפּראָצט
און שפּריצט
פֿון אַלע ערטער:
די התחלה פֿונעם טאָג,
וואָס קומט מיט רחמים,
אַ געדעכטער.

ב

אין נאַכט אַזאַ ווי די
אַהינטער פֿענצטער,
ווו שאַרף דער קלענסטער
שפּריַיזט מיט שאַרפֿע טריט,
און שרעק זיך שאַרט און קניט, —
געבוירן ווערט
אין אויפֿגעשווידערטן געמיט
דאָס ליד פֿון זאַכן שטומע
און פֿאַרשטילטע.
ניגונים,
קיין מאָל ניט געשפּילטע,
גייען אויף אין שפּור פֿון שפּירונגען
פֿאַרשפּיצטע.
און פֿון פֿינצטערניש
צעבליצטע
אויפֿגעטויכטע מאַרגנשיַינען
דעקן איַין מיט פֿרימאַרגנדיקן רויט
דאָס ליד פֿון פֿאַרגעפּיל און טויט.

מיט גלאָז אין די הענט

בלינד ווי אַ קינד, און מיט הענט פֿול מיט גלאָז
נידער איך אויף די לייטערס פֿון שקיעה.
די שקיעה צינדט די רקיע אָן און נאָענט, נאָענט
פֿאַר מײַנע אויגן פֿאַלן שטיקער פֿון פֿאַרנאַכטן־גאָלד.
איך זע, ווי עס ראָלט דער פֿאַרנאַכט
אויף גילדערנע קאַרעטעס צום האָריזאָנט.

דאָס גראָז פֿון דעם שקיעה־פֿעלד
געלט און פֿאַרוויאַנעט ערבֿ אָוונט.
דער וועג פֿונעם טאָג אין פֿאַרגיין
איז קרום און לאַנג
און ער קאָרטשעט זיך אין פֿאַלדן
פֿונעם באַרג אין אונטערגאַנג.

וווּהין גייט דער טאָג אַוועק
מיט אַזוי פֿיל פּעק אויף די שמאָלע אַקסלען —
ווּ ווערט ער פֿאַרפֿאַלן?
אַ שאָד, אַ שאָד — די ווענט פֿון צײַט צעפֿאַלן
פֿאַר מײַנע אויפֿגעפּראַלטע אויגן.

עס רוקט זיך שטאָק־פֿינצטערניש,
און עס וועט באַלד אַוודאי רעגענען, —
און איך בין אַליין מיט מײַנע רעיונות צעמישט
וועגן טאָג, וואָס גייט אַוועק אין ערגעץ נישט.

און וואָס אמת איז, בין איך אַלץ נאָך אַ קינד —
בלינד, נאָר מיט אָפֿענע אויגן;
און איך טראָג אין די הענט שטיקלעך גלאָז
פֿונעם צעבראָכענעם פֿענצטער צו דער זון.

שפּילן־אויף טויזנטער אָרגלען,
און מײַן געהער ווערט היפּנאָז.

ס׳איז כּדאַי געווען די פֿאַרוואַנדלעניש
פֿון טאָג און נאַכט, כּדי צו דערזען
די פֿײַערעדער פֿון דער וועלט ראָלן
אָן אויפֿהער, אָן סוף.
(און איך בין ווי דאָס גראָז,
וואָס בליט אויף יעדער רגע אין שלאָף...)

איך גיי מיט הענט פֿול מיט גלאָז,
ווי אַ קינד — בלינד — און איך זוך
דאָס בוך פֿון גאָט, וואָס ערגעץ ווו
איז עס מן־הסתּם אויפֿגעמאַכט אין נאַכט.

נאַכט-וואַריאַנטן

און ס'האָט אין מיר דערוואַכט
די נאַכט אין מיטן טאָג,
און ס'איז מײַן האַרץ געוועזן אַ קרוג,
וואָס איז נישט פֿול גענוג מיט שײַן.
און שפּעט, שוין העט בײַם אָוונט צו,
איז אויפֿגעגאַנגען ערשט די שײַן וואָס קומט,
ווען שעה איז אויסגעבעט מיט רו.
און מײַן געבעט, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן,
צו וועמען איז עס דען געווענדט
אין צווישנווענט פֿון נאַכט,
וואָס איז מײַן טאָג אין וואַנדערונג?
אוודאי בין איך יונג אַ מאָל געווען
(נישט הײַנט געדאַכט), און ס'האָט געדאַכט
(די דאַכטונגען פֿון אומדערפֿאַרונגען):
די יונגע נאַרונגען פֿון פֿריִיקן פֿאַרזיי —
זאַנגען נאָך נישט רײַפֿנדיק אין טאָל —
וועלן צוויטען זיך און ביז צעשיטן זיך
דערפֿילן מיט דערפֿילונגען מײַן האַרץ.

און אין האַלבטאָג-לענדער דאָ
פֿון אייביק זומערן
דערצאַנקסטו נאָר,
פֿאַרדאַרבסטו.

און זע: די אויפֿגעמאַכטע אָרעמס פֿון די בערג,
זיי נעמען אויפֿעט מוטערלעך און צאַרט
די שאָטנס די פֿרינאַכטיקע,
איידער נאָך די נאַכט האָט צעלטן אויפֿגעשטעלט
אויף נאַכטלעגער אָט דאָ.

די גאָרע וועלט אין אָוונט-שעה פֿאַרוועלקט,
און נאָך נישט אויסגעלאָשן איז
דער לעצטער פֿונק פֿון דעמערונג —
און ס'נאַכטיקט שוין גאָטס ווערק.

אָפּגרונטן

א

מיר טרינקען אין שאָטן אונדזער געוויין
פֿון אייגענע קוואַלן.
שטימען שאַלן, נאָר קיינער הערט זיי ניט.
וואַקסט דער שאָטן אַרום אונדז,
און קיינער זעט אים ניט.

ווי לאַנג וועט שאָטענען די נאַכט?...

אינדערפֿריִען גליווערן
אין פֿינצטערנישן,
אין צווישן — זוכן מיר דעם וועג
פֿון אָנהייב טאָגן.

קומען נעכט אַנטקעגן
און רופֿן צוריק,
ווו עס איז די בריק פֿון שווייַגן
אויסגעשפּרייט
אַריבער ברייט פֿון אָפּגרונטן,
וואָס קיינער קען זיי ניט אַריבערגיין.

ב

זיץ אין שאָטן און שווייַג.
אַ צווייַג, וואָס איז אָפּגעבראָכן,
וועט נישט בליִען מער סייַ ווי:
— צו וואָס דער געוויין?...

פֿאַר פֿרי וועסטו אויפֿשטיין,
באַטרעטן דעם וועג פֿון דייַן טאַטן
(ער האָט אין ערגעץ ניט געבראַכט).

די נאַכט וועט דערווייַל, ווי אַ קינד,
אַנטשלאָפֿן ווערן
(איך ווייס נישט, צי ס'איז כּדאַי)...

פֿון מאַי די לעצטע שפּראָצן
זייַנען מיר: בליִען אָפּ
און קומען מער נישט צוריק...

ביז אָונטז כ׳וועל וואַרטן

פֿאַר דיר דער פֿרימאָרגן —
אַ בויגן אין ציטער.
(דײַן טאָג איז צעעפֿנט
מיט פֿרייד פֿון געוויטער...)

און מיך נייגט דער האלבטאָג
און בייגט מיך צו דרעמל.
אין אויגן אין דײַנע
פֿרימאָרגיקער פֿלעמל
פֿאַרגייט נים.

ביז אָונטז כ׳וועל וואַרטן,
דערבליקן נאָך איין מאָל
דעם בויגן צעשטראַלטן נאָך רעגן,
אַ שטויב נאָך צו זײַן דאָ
פֿאַר דיר אויף די וועגן.

דער וואָלף

גערטריבן אים אַ גאַנצע נאַכט,
דעם וואָלף, פֿון מײַן זכּרון.
איך קלעטער אויף אַ באַרג
מיט פּורים-מיצן,
קלומקעס צוקערדיקן גליק, —
דער מלאך פֿינצטערניש אין מיטן.

שפּאַרבערשער געשריי
אין קרוך פֿון נאָדלדיקן דאָרן.
לבֿנהדיקע העק
אין גרינער סאַזשעלקע.
מיט שרעק
די לאַנקע בלאַנקט.
די גריקע — ווײַס,
און קעפּלעך שאָטנדיקע זינגען אינעם קאָרן.

דער וואָלף, פֿון וואַלד אַרויסגעיאָגט,
מיט אויגן בליציקע
פֿאַרצוקנדיק ער וואַכט;
מײַן קינדהייט-שעפּעלע
בײַ אָזיערע — פֿאַרדרימלט.
שרעק פֿון בלאַנקענדיקע העק
אין נעפּלען פֿון זכּרון.

די שאָף אין רו

זי קומט געוויס, אוודאי קומט זי,
די שעה פֿון רו, די רו פֿון שעה.
די כוואַליע דאָ — אָט ברומט זי
נאָך בײַ מײַנע פֿיס.

בײַם פֿעלדזנשטיין
פֿון ים אַליין,
מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
כ׳שטיי בײַ וואַסערוועגט,
וואָס בויט ווער אויס אין פֿינצטערניש.
שטערנשריפֿט אויף הימלקוועד
האָט אויפֿגעבליט אַ רגע נאָר.
נישט חלום-וואָר — אָן אויסגעמיש.

נאָר ווער איז אָט דער קינסטלער דאָ,
וואָס פֿאַרבט די שעה אין שוואַרץ?
די רו פֿון שעה, אַ שוואַרצע שאָף.
האַרץ אָן שלאָף וואַכט און אַנט
די שיף וואָס קומט פֿון אָוונטלאַנד.

נאַכט-פֿאַרוואַנדלונג

אין שאָטן־פֿאַרשטילטע חדרים פֿון שלאָף כ׳פֿאַל אַרײַן
און איך זינק אין אַ וואָלענער ווייכקייט פֿון שאָף.
אין אַן אָפּגרונט אַ טיפֿן
איך פֿאַל מיט אַ מאָל, ווי אַ שטראַל אומגעזען.
איך ווייס נישט, צי וואַך איך צי שלאָף.
די וואָלענע ווייכקייט מיך טוליעט
אין מילדקייט פֿון שאָף.

פֿון דעמער־דערמאָנונג
איך קאָן נישט אַנטרינען בגוואַלד.
ס׳באַשפּירן מיך שאָטנס, ווי ביימער בײַ נאַכט
אין אַ וואַלד.
אין פֿינצטערע שפּיגלען
געדעכעניש־דערמאָנונג צערינט.
און אין שאָטנעם אָנזיכט פֿון שלאָף
אין חדרים מיט רינגיקע ריגלען פֿון לופֿט
איך דערוואַך.

אַ פֿראָסטיקער שטאָל מיך באַפֿאַלט
און דערהרגעט די נאַכט.

אין אָוונטיקער ווײַטקייט

א

מיט פֿולע חושים ווארעמקייט
און אומדערבארעמדיק
ביסט אוועק פֿון מיר אַן אָפּגעפֿרעמדטע
אין אָוונטיקער ווײַטקייט.

ס׳אײַנגעפֿרוירן הענטל
דאָס פֿארשעמטע
פֿון דײַן טיר נאָר אָנגערירט,
און געפֿאַלן איז אויף מיר דער מאַנטל
פֿון דײַן קאַלטקייט.

אַז איך אַליין פֿאַרפֿריר דאָ
אין אָנגעריר פֿאַרפֿרײַקן
פֿון גראָ פֿאַרגליווערטן געוויין.

ב

אַן אויסטערליש ליכט
שלאָגט דורך די דיקע סלופּעס לופֿט,
און ס׳צעקריכט די טונקלדיקע שיכט,
די אָנגעוואָרפֿענע אויף בערג.

מיט אומגעדולד און שולד
אַ פֿויגל שרײַט אין ווײַט,
אַ בוים מיט אַלע אבֿרים וואַכט.

איך הער דעם אָטעמשלאָג
פֿון יעדן אָדערל צעקנאָדערטן אין פֿראָך,
און ווי עס רעדט
דער צווײַגנבראָך
אין שוידער־קוידער־לשון פֿון פֿאַרגיין.

איך בין אַליין דאָ אין דער נאַכט:
דער בוים, זײַן יאָמערדיקער צווײַג,
דער אָנלשונדיקער שטיין.

ג

געקומען איז אָט דער, אויף וועמען
איך האָב אין חלום נישט געוואַרט.
ער האָט אויפֿגעשאַרט
נאָר מײַנע שלאָפֿנדיקע ברעמען —
און איז אין מיטן נאַכט פֿאַרשוווּנדן.

ווער איז ער געווען,
דער שאָטנדיקער גואל פֿון דער נאַכט?
פֿאַר וואָס האָט ער מײַן חלום אָנגעצונדן —
און די טירן צוגעמאַכט?

פֿרויענפֿרייד

די פֿרייד פֿון פֿרוי איז אָונט-ווינטיק שטיל
אין שוים פֿון רוישנדיקסטער שעה אַפֿילו.
עס ציטערט אויף דאָס צערטלעכסטע געפֿיל
מיט שאַרער בענקעניש נאָך תּפֿילה.

אָט וויקלט זי די מילדעסטע וואַלן
מיט זומערדיקע זון-באַזוימיקטע אוזאָרן,
נאָר איצטערט-אָ, ווען שטראַלן אָונטיקע פֿאַלן,
דערשפּירט האָב איך דעם אומזין-זין פֿון שווינדנדיקע יאָרן.

שטילקייט אָונטיקע שפּרייט זיך אויף די דילן,
אָונט שאָטנדיק דיך וויגט אויף זײַנע אָרעמס.
כ'האָב הײַנט געלערנט, דוכט מיר, מערער פֿון די גרילן,
ווי אַ לעבן גאַנצן פֿון די ספֿרים.

פּלעקן אויף שויבן

די נאַכט צעקלעפּט
משונהקע געזיכטער אין די שויבן,
און זיי לאָזן זיך דערקענען
דורך די גלאָזן מיט סימנים
אַנפֿאַרטרויטע.
איטלעך פּנים
איז מיט הויטן אַנדערע פֿאַרצויגן.

(איך גלייב נישט מײַנע אויגן.)

איך גיי אַראָפּ
און מעק די פֿלעקן אָפּ —
אַליין אַנפּנימדיקער, פֿרעמדער —
איך זוך מיך אום
אין קווערשניטן פֿון שײַן,
אַן אומדערקענטער.

ציריכער אָזיערע בײַ נאַכט

פֿון אָזיערע־געזיכט
פֿון ציריכער — אַ שײַן, איך זע, צעקריכט
אַ גראַיִקע אין נעפּלדיקער ווײַט.

פֿאַרשטיינט אין אייביקייט די צײַט.
מיט אויג מיט גיריקן
לבֿנה מעקט די בריק, ערשט אויפֿגעבויט
אין אײַלעניש איינווײַליקער.

אין רגע־רו אַמאָליקער
אַ גאַסט אָן אײַליקער —
איך בין נאָר דאָ איין נאַכט.

און אַלץ איז אויסגעטראַכט:
די שטים די קללהקע
פֿון וועלט אַמאָליקער, וואָס רופֿט;
די לופֿט, דער גלאָק אין רוים,
דער שפּיץ דער גאָטישער
פֿון קאַטעדראַל
אין נאַכט־צעפֿאַל,
אָן גאָט...

די שוואַן אין שוואַרצן שוים
פֿאַרשווימט, ווי נישט געווען.
(דער באַרג פֿאַרשלינגט די וואַנט.)
ווי קום איך דאָ אַהער?
באַקאַנט און אומבאַקאַנט — אַ גר
אין יעדן לאַנד.

דער אָנחלומדיקער גאַסט

אין תוהו בלאָנדזשענדיקן קומט אַרײַן
דער שווער און שלאָפֿלאָז אָנחלומדיקער גאַסט.
אים זעט נישט װער, און מוטערמענטש דערקענט.
פֿאַרגעפֿילן־קנופּ זײַן נאָמען נישט פֿאַרבינדט.
אַ מאַסט אַן אָפּגעשװוּמענער זײַן שאָטן פֿלעקט
אויף װענט.
און דאָרט, װוּ ס׳איז דער ערשט געקומענער געװען,
דערמאָנונג װערט און װינט.
די מאָרגנפּאָן אויף פֿאַלנדיקן ים
אין מרחק פֿלאַמט.

פֿון טיפֿן חלום-ים

פֿון טיפֿן חלום-ים
בלייִען לויכטנדיקע פֿיש אויף,
איעדער פֿיש מיט זיבן שופּן
שווימט אַרויף
אין אויבנאויף פֿון שלאָף.

דו זעסט באַשטײַמפּערלעך
די פֿישעלעך די גאָלדענע פֿון חלום,
ווי זיי שווימען, שווימען.
נאָר דו ביסט צוגעבונדן
מיט אַ רימען,
אײַנגעקלעמט אין קישן.
פֿאַנגען פֿאַנגסטו דערווישן,
און זינגען זינגסטו אַ הימען
צו די פֿישעלעך פֿון גאָלד,
וואָס זײַנען ווי וואַסערראויגן
שוין צעלאָפֿן
אין די אין-סוף פֿון דײַן שלאָף.

קום אין אָוונטפּאַל

— קום אין אָוונטפּאַל אַרײַן. —
(פֿון שקיעה פֿאַלט דער קאָפּ אַראָפּ).
מיר'ן זײַן די לעצטע גייער,
וואָס גייען אָפּ אין נאַכט.

לאָמיר גיין.
די נאַכט אַליין פֿאַרמאַכט זיך
אין מהלך.
א מלאך וואַכט
בײַם טויער פֿון סוף נאַכט,
עס זאָל אונדז קיינער ניט געפֿינען
בײַם אויפֿבראָך פֿון באַגינען.

אַ שאָטן אין דער נאַכט

אַ שאָטן גאָר,
אַ דאַרער שאָטן לעבן מיר איז דאָ.

— דו מיינסט, אַ שאָטן מײַנער,
אַז אַ גבֿיר דאָ
איז אַראָפּגעקומען דאָ אַהער
אויף אָט דעם אָרט,
אָן עמעץ מיט אַ שמץ פֿון אַ באָרד?
טאָ זאָלסט זיך, שאָטן, גאָר
נישט חידושן,
אַז דו טרעפֿסט זיך מיט אַ דיכטער
מיט אַ יִידישן,
און נישט פֿון יענעם סאָרט —
אַז ווײ און אָך און אָך און וויי! —
וואָס מאַכט פֿון אונדזער וויי און בראָך
אַ לידל
און ווי מיט אַ קלעזמער-פֿידל
סקריפּעט צו און קרעכצט.

און דאָ גאָר פּלוצעם
ביסט מיט מיר אין נאַכט אין שפּעטער
פֿון אַ שטילקייט אַ צעשוווּמענער, —

שאָטן פֿון אַ פֿאַרגאַנגענהײַט,
צי אפֿשר גאָר פֿון צײַט נאָך נישט געקומענער?
און שאַ און שטיל, אין רע מינאָר —
דער שאָטן פֿון אַ דור
אַ שוין פֿאַרגאַנגענעם.
— נאַכסאָל פֿאַרלייקענען?
אַז ס׳איז מיר אײַנגענעם
צו זײַן מיט דיר אַ שעה צי צוויי
און טיילן זיך מיט דיר
מײַן וויי אין אויסגעבענקטער רו
פֿון טאָג, אַזאַ מבֿולבלן,
צעחושטן טאָג.

און דו,
אָ, שאָטן מײַנער,
אין נאַכטגעוועב פֿאַרפֿלאָכטענער,
אַ הונט דו ליגסט בײַ מײַנע פֿיס
און לעקסט מײַן ווּנד די נישט-פֿאַרבונדענע
און שרעקסט מיט דײַן פרעזענץ.
— און אפֿשר, זאָג,
ביסטו עס גאָר די קראָ
אויף הימל דעם צעליכטיקטן
פֿון נאַכט דער טראָפּישער
פֿון אייביק וואַנדערן
אין רוים נישט-דאָיִקן
פֿון אַנדנבערג
און אָפּגרונטן אַנדנאָיִקע?
— אָ, רגע שפּעט-שעהיקע,
פֿאַרשווינד!

און די מהומיקע
אַרומיקע געבילערײַ פֿון הינט
אין שפּעטער נאַכט —

דאָס האָסטו געבראַכט
אין שטילקייט דער פּילרווישיקער
אין צימער פון האָטעל? — —
טו זיך אָפּ פון מיר,
נישט שרעק!
ס'איז אומהיימלעך
דער העק פאַרוואָרפענער,
און נאָגנדיק דער טרויער פון באַגין.
— אָ, ווו איז ער,
דער זין דער טיפערער
פון זײַן אַט דאָ מיט מיר
די גאַנצע נאַכט?

און אפשר איז גאָר אויסגעטראַכט
דײַן גאַנצענע פרעזענץ?
און נישט קיין שאָטן ביסטו —
דו ביסט גאָר די עסענץ,
די אָפּגעזעצטע רויִקייט פון זײַן?
אָ, אימער־אייביקער דו שאָטן מײַן,
אָ, פילגעשטאַלטיקער,
אָפּשפּאַלט פון מײַן שפּליטערדיקן איך —
און אומעטום נאָר זע איך — דיך!
פון מײַן אומצוטרוי
און אומגלויבן אין וואָר
ביסטו עס גאָר
דער שאָטן פונעם דור געשאָכטענעם,
אַרײַנגעפלאָכטענעם
אין צויטן פון דער צײַט,
וואָס דיכטער רופן:
אייביקייט.

איך וויל, דו זאָלסט נישט זען,
אַז איך בין שוין געשען,
נישטאָ.
און נאָר די וואָר — אַ קראָ —
איז שטענדיק דאָ מיט מיר,
די שאָטנדיקע וואָר
פֿון דיר,
וואָס ליגט צעטראָטן בײַ דער טיר.

און ווו נאָר איך באַטרעט אַ שוועל
פֿון יעדן צימער אין האָטעל,
פֿון יעדן אָרט
פֿון קײַלעכדיקער וועלט, —
ביסטו עס, שאָטן,
אין אַ כאָרט פֿאַרשטעלט.
(אַ שפּירהונט אויף מײַן יאַגד
נאָך פֿײַערלעך אין נאַכט?)
נו, יאָ, געפּאַקט!
אהאָ!
— און שאַ און שטיל
און ליו!
— שלאָף אײַן,
מאַך די אויגן צו,
אָ, שאָטן מײַן
פֿון דור פֿאַרגאַנגענעם
אין שפּעטער שעה!
נישטאָ — און גאָר.

און דאָס, וואָס איז נאָך דאָ
צווישן מיר און דיר —
אַ פֿליגל־פֿלאַטער, אַ באַריר —
איז שוין אויך אַ מאָל געשען,
געווען אין אַנדערער געשטאַלט,

אין אורעלט,
וויַיט,
אין צײַט אומדײַטלעכער,
אומצײַטלעכער,
און אויסגעטראַכט
אין אַנהייב נאַכט אויף אַ דער ערד.

און מיר איז נאָר באַשערט
דערבליקן דיך
אין אָפּגעזעצטער רויִקייט פֿון זײַן,
אָ, אייביקער,
דו שאָטן מײַן,
דו פֿילגעשטאַלטיקער,
אין אָפּשפּאַלט פֿון מײַן שפּליטערדיקן איך,
און אומעטום נאָר זע איך — דיך.

אַ חלום אין אַ חלום

דער ווינט — קיין ווינט נישט,
און ס'בילן הינט נישט
אין דער נאַכט דאָ.
און ווער די טיר פֿאַרמאַכט דאָ,
און ווער עס מאַכט זי אויף —
נישט איך, נישט דו.
/אויך די נאַכט איז אויסגעדאַכט./
וואַרט אַ רגע צו
און הער דעם לויף פֿון ווינט
און די הינט,
וואָס בילן צו די שטערן.
און די אימה־ביימער
אין דעם וואַלד דאָ
איז קיין וואַלד נים.
און, ווי זיי, מיר וועלן באַלד דאָ
אויך נישט ווערן.

אין אַן אַנדער געשטאַלט

א

איך גיי אויף אין אַן אַנדער געשטאַלט.
/צעפּעדעמטע, דיניקנע שורות
אין העפּטל פֿון גבֿורה./
אַ רעפּטל לבֿנה, צוויי שערן,
ווי שטערן, זיך שנײַדן אַרײַן אין אַ וואַלד.

/אויף הימלישע בלאָען
פּאַשען זיך שעפּסן
מיט זילבערנע טלאָען./

דער אָוונט, פֿאַרכמורעטער זינגער
אין תּפֿילה פֿון טאַטן. פֿאַרחלשטע טויבן
אין ציטער פֿון ניגון.
די פֿלאַטערלעך קליינע אין שויבן
פֿון ווינטער. די קינדער זיך שפּילן
מיט פֿלעמל מיט שטילן,
דאָס פֿלעמל נאָך צאַפּלט, פֿאַרצאַפּלט, דערצאַנקט.

/ברעקלעך געדאַנק
אין פֿאַרפֿלעקטן זיכּרון./

פּאַסיקלעך שײַן אין דער פֿינצטער.
ס׳העפּטל פֿון טעג — נישט געבונדן.
און ס׳רעפּטל לבֿנה, ווי די קאָם
פֿונעם הענדל, די ווײַסע כּפּרה
פֿאַר זײַנד פֿונעם קינד,
וואָס איז נאָך נישט געבאָרן.

אין שאָרך פֿון פֿאַרטאָג־צו
איך האָרך צו פֿון צווישן די ברעמען,
ווי ס׳הענדל כּיכיקעט אין חלום:
—„אַ קרבן, פֿאַר וועמען?"...

ב

אַ ייִד אַליין פֿון ווײַט,
פֿאַרזאַמטער ייִד
אין מדבר־זאַמד.
/פֿון פֿעלדזנשטיין
צעבליט אַ רויז./

און ס׳בויט פֿון ווינט
זיך אויס אַ הויז.
און ס׳קײַען שאָף
די צאַרטע גראָזן
פֿון אין־סוף...

עס פּיקט זיך אַ טאָג

פֿאַרלוירענער ווייטיק אין לײַב,
אין נשמה אויך גראָבט ער זיך טיף, —
ס׳איז עכאָ פֿון ווייטיק וואָס בלײַבט,
ווי רעשטן פֿון זינקענדער שיף.

דורך דרעמלענדע ווענט אין דער שטיל
שלאָגט זיך אַ קול אין דער נאַכט,
עס זעגנט מיט מיר זיך די גריל
און זעגט אַזוי זינגענדיק צאַרט...
די גריל איז דערמאָנונג — נישט מער —
דערמאָנונג פֿון ווינטיקער היים.
בײַ ברעגן פֿון קינדהייט — איך שווער! —
פֿלאַטערט מײַן האַרץ אום און וויינט.

— נישט פֿלאַטער, נישט ציטער, נישט וויין,
וואָס געווען, איז פֿאַרגאַנגען, נישטאָ!
נישט לעצטער באַטרעט איך דײַן שוועל,
דורך ווענט דײַנע ליבטיקייט שלאָגט.
עס פּיקט זיך דער טאָג ווי אַ טויב
אין נעסטן פֿון וואַרעמען האַרץ, —
לעבסטו און אָטעמסט, טאָ גלויב,
אַז אַלצדינג אויף טאָג יענעם וואַרט.

נישט איך און נישט דו און נישט ער
אין קלעם פֿון באַצוווּנגענער שעה, —
נאַכטיקער טונקל באַשווערט,
נאָר ס׳לינדערט דער קומענדער טאָג...

כ י ש ו ף

באַפֿאַלט מיך אַ כּישוף
אין נאַכט־שעהען שפּעטע:
מײַן קישן אַ באַרג איז, איך קלעטער,
(אַ שנײ שיט אין דרויסן)
איך גײ אָן אָן ענדע.
ווי לאַנג דען געווען דאָ אַ ישובֿ?
(בלענד און פֿאַרבלענדונג.)
איך גײ הענדעם־פּענדעם
אַריבער די שטיבער,
היפּ איבער גריבער,
(לבֿנה באַגלייט מיך
מיט פּנים צעצוייטן)
אַ שליטן אין מיטן פֿאַרקאָוועט,
אָן פֿערד און אָן פֿירער.
פֿאַרפֿרײַק די הענער
פֿאַרכּישופֿטע קרייען.
פֿון קישן זיך רירן
די בערגלעך מיט שנייען, —
צעגייען.

פיוטים

אין שיינקייט וואָס פאַרגייט

(פ י ו ט י ם)

אַ קול פון ווײַטקייט טיפער
רופט און מאָנט: דערשיפער!
און דער עכאָ פונעם רופנדיקן קול
דערמאָנט און מאָנט: באַצאָל!

א

מיט דינער צאַרטקייט צער׳ט
דער האַרבסט מײַן האַרץ.
לעצטע זומער־פייגל
פּיקן אוים
דעם פריִען הימלבלאָ.
דער פּאָך פון פליגל
איז נאָך פאַרבליבן דאָ
אין טרייסטנדיקן ווינט,
איידער ער פאַרשווינדט.

ב

כ׳האָב נישט דעם שליסל
צו דעם, וואָס פאַרהוילן.
איך גיי, ווי אויף קוילן,
אויף וועגן פאַרשנייטע.

— נו, אײַל זיך אַ ביסל!
אין װײַטן פֿאַרדרײטע —
אַ װינטמיל די יאָרן.
דו גײ נאָר און װיל נאָר,
װעט מאָלן זיך קאָרן...

קריצן די שטײנער
מיט פֿונקען פֿון פֿײַער,
און ס׳קומט נישט דער מילנער
פֿון לײדיקן שײַער.
נישטאָ װער ס׳זאָל קומען
די פֿליגלען פֿאַרריגלען
פֿון װינטמיל.
הינטביל
און נאַכטיקע שפּיגלען
מיט שאָטנס צעקרימטע.
און װינטן צעברומטע
די פֿליגל צעיאָגן
פֿון לײדיקער װינטמיל
אין שײַטער פֿון טאָגן.

ג

איך קער מיך אום צו יענעם ברעג,
װען ליפּן האָבן נאָך געבליט
מיט רױזנצװײַט פֿון פֿריִע טעג.
איך קער מיך אום צו יענעם פֿעלד,
װוּ פּשוט גראָז געװען באַגילדט איז.
און איצט — דאָס גאָלד פֿון גראָזן פֿעלט,
דער אומטיקער שאָטן הילט עס.

און אין ווײַטן רעטראָספּעקט
דער אָוונט לייגט די שאָטנס קרום.
די זון פֿאַרלעשט מײַן אָנהייב וועג,
אין בעכער וועלקט די רויטע בלום.

איך קער מיך אום צוריק אַהיים,
ווו דאָס שפּעטע זומערגראָז
פֿרירט און ליימט
דער פֿריִער פֿראָסט.

ד

אין טויטן וואַסער פֿונעם קרוג
גייט אויף די זון —
דו וועסט זי נישט אַפֿילו
אין דײַן געדעכעניש פֿאַראַרבן.
(לעבנס-קרומקייטן פֿון חלום
ביזן שטאַרבן.)

די הויקערס טראָגנדיק אום
פֿון זיידנס טרויעריקע נעבטנס,
דער זיידע איז אומגעגאַנגען ווי אַ הון,
וואָס דער שוחט האָט נישט געקאָנט דערשעכטן.

אַ נישט-דערשאָכטענע פֿאַראַרבונג
איז מײַן גאַנג אין הויקערדיקן לעבן,
נאָר ווײַט איז נאָך געננוג
ביז דער ענדגילטיקער פֿאַרדאַרבונג.

אין פֿולן וואַסער פֿונעם קרוג
וועט אויך די זון נאָך קומען שטאַרבן.

ה

דײַן אָנדענק טו איך אָן
אין ווײַסן.
און איך, איך זע דיך כּולו שײַן
אין ערבֿ־שבתדיקע שעהען.

די שקיעה פֿאַלט אויף דײַנע הענט
און הילט דאָס הויז
אין דימענטענעם פֿײַער,

נאָר אין די אויגן דײַנע
גייט אויף דער טאָג דער נײַער,
ווען דו באַרירסט נאָר קוים
דעם קאַלטן שימער
פֿון די שבתדיקע לײַכטער.

ס'אַראַ גנאָד און לײַטזעליקייט גלימערט
אין דעמערישן צימער פֿון מײַן קינדהייט.

ו

פֿרישע הענט פֿון זונאויפֿגאַנג
באַרירן קאַלטן פּנים פֿון דער ערד —
די ערד איז קאַלט און קראַנק.
די הענט פֿון זון באַרירן זי,
און זי ייִנגער ווערט.
אַזוי פֿיל צפֿון־נעכט
פֿאַרפֿרירן זי,
די אַלטע קראַנקע ערד,
מיט בלוט באַקראַפּלט
און באַשפּריצט.

דורך אַלע זיבן שאָלעכצן
גייט אויף אַ נײַע שפּראָצונג
אירע איצט.

ז

איך בין אַליין אין פֿעלד פֿון דעמערונג,
דער טאָג ווערט אָפּגעמעקט,
און שאָטנדיקע קילקייט וועקט דערמאָנונגען.
פֿון די שטיינער פֿון שטילקייט

ווײנט אַרום פֿאַרשטומטער עלנט פֿון דער ערד.

(איך האָב אַ מאָל געוויין אַזאַ געהערט.)

עס וואַקסט דער באַרג פֿון נאַכט
מיט הימלען נישט־פֿאַרענדיקטע.
אין גלאָז פֿאַרדרייכערטן
פֿון מײַן צעבראָקלטן זיכּרון
איך זע באַשײַמפּערלעך
מײַן קינדהייט בלאָנדזשען נאָך —
אַ שעפּס פֿאַרלוירענע אין קאָרן.
(ס'פּאַסטעכל פֿאַרדרעמלט אויף אַ שטיין.)

איך בין פֿון דעמאָלט נאָך
בײַם ראַנד פֿון נאַכט
אַליין אין פֿעלד.

שטערנשטויב צעשיט זיך אין מײַן האַנט,
און ס'שטייט די נאַכט —
אַ שטאַרנדיקער בר־מינן פֿון ליכט.

אַ וועג

אַ וועג — אַ קאַרליקל,
און קלענער נאָך —
אַן אומזיכטיקער וועג,
צעוויקלט אין טומאַנען,
אַ לעצטער פּונקט.

און אויב ס׳איז ווו פֿאַראַנען
נאָך אַ ברענענדיקער פּונק,
אַ דורכלויכט צו די שטערן,
וועט דערפֿון מיר ליכטיקער
נישט ווערן מײַן נעפּלדיקער גאַנג.

איך בין אַליין אַ שופּט פֿון מײַן שולד.
ס׳וויינט אַ פֿויגל אויף אַ בוים
אין אומגעדולד נאָך ליכט.
און איך גיי ווײַטער,
טיפֿער נאָך אין וואַלד.
און דערשיפֿער קוים
מײַן אייגענע געשטאַלט.

באַרגאויפגאַנג

עס טאָגט אין שטיינגעבערג:
דאָס גרויסע ווערק
פֿון גאָט.

אַ שד אָדער אַ מלאך האָט
אויפֿגעמאַכט
אַ טיר אין דער נאַכט.
די טויטע לאַפּעס פֿון בערג
באַוועגן זיך,
און ס׳צינדן אָן די וועגן זיך
פֿון ליכט.

ווי דער שאָטן ביסטו

ווי דער שאָטן ביסטו פֿונעם באַרג
אין ליכט פֿון אויפֿגאַנג
איבערן געלן בלעטערוואַרג
פֿון האַרבסטיקן פּאַרק.

דער פּאַרק איז אָפּגעבלעטלט.
סוף־זומער בעטלט
גראַשנס זון ביי הימלען,
איידער ווינטערדיק אַנטדרימלען
וועט ער.

שווערער רעגנדיקער וועטער.

אין הערהאַק פֿון פֿאַרבלײַבן

א

אָן אויפֿהער צייכנט ווער סימנים.

די האַנט פֿון מורא
צי פֿון דורות דאָס געוויין,
די הערהאַק פֿון פֿאַרבלײַבן
אין טאָגטעגלעכן פֿאַרגיין.

דעם טויט אויף הויט
אויף אייגענער פֿאַרשרײַבן,
(פֿאַרענדערט פּנים
פֿון מײַן ליד)
און בײַ אַלע תּנאָים
צווישן פּראָים זײַן אַ ייִד.

ב

פֿאַלן פּנימער אין שטויב,
און דרויב פֿון לײַב
פֿאַרבלײַבט.
נאָר צײַט פֿאַרשרײַבט
פֿון טאָג דעם איבערבלײַב.

ג

ס'איז די צײַט געקומען
פֿון צוריקצופֿאָרן,
נאָר ס'האָט קיינער נישט
גערירט זיך פֿון די ערטער.

כ'האָב דאָס קול פֿאַרשריבן.
ער איז געבליבן
אַ נישט־דערהערטער.

ד

ווער וואָלט גלייבן
ווער,
אַז דו וועסט לויכטן
אין אַ טרער.

אין ווײַטער אָזיערע

אין ווײַטער אָזיערע פֿון וואַלדגעפֿלעכט
פֿאַרלירט די זון דאָרט אוצרות ליכט.
אַ טויכער קומט אין טיפֿע נעכט
צו זוכן גאָלד אין אירע דנאָען.
נאָר ער קומט נישט צו צום גרונט.
פֿון טיפֿסטער טיף אין שפּעטע שעהען
— בילט די נאַכט אויף אים און הוילט
אַ בייזער קודלדיקער הונט.

שבתדיקער גאָרטן

גראָזיקער גאָרטן. שבת.
שוויַיגיקע שאָרכן. זשאַבעס
זינגען זמירות. ביימער האָרכן,
גאַפֿן און ווערן אַנטשלאָפֿן.

מייַן שטים — און דייַן עכאָ —
עכאָט אחד. הללויה־געזאַנג.
אין שוואַרצן טלית אָוונט אַבֿלט,
שאָקלט זיך, דאַוונט, דאַוונט.

די טויערן פֿון הימלען — אָפֿן,
שטערן שאַרן קאַלטן שייַן.
אָוונט — דער אָבֿל — וויל שלאָפֿן,
מורמלען די ביימער און וויגן אים איַין.

זונפֿאַרגאַנג

טאָג מעקט אָפּ פּערפֿעקטע צירקלען זײַנע,
און ס'טירקלען אין מיר טויבן פֿון פֿאַרלאַנג.
אין חלום ניט געזען אַזוינע שײַנען
ווי די, פֿון אָט דעם זונפֿאַרגאַנג,
וואָס בנשיקה גייט ער אויס און גייט ניט אונטער.
מיט שווימענדיקע ליליעס אויפֿן ים צעבליט ער
און אינעם אָנקום פֿון געוויטער,
וואָס פֿאַרנעמט זיך אין די רויכערדיקע הייכן
מיט רויטן שײַן מיט ווייכן —
פֿלעכט ער דורך די פֿינצטערניש, וואָס קומט אַרונטער.

און מיר איז גוט
אָט־דאָ מיט גאָט געשפּרעכן פֿירן,
ווען אונטן טוט דאָס גרינע בלוט
פֿון פֿלאַנצן צירקולירן.

נײַע פּײזאַזשן

א

דער װעג איז טיף און פֿעלדזיק,
און די װאָס גײען זײַנען באָרװעס.
פֿעלדער בײַם װעג, פֿאַרטאָן אין זיך,
הערן נישט די טריט פֿון די גײער.
בײַם האָריזאָנט כװאַליען זיך װאָסערן,
און זעגלען, געװױנטע צו אײביקן װאָגל,
חלומען פֿון באָרװעסע גײער.

ב

דער לײַכטטורעם איז דער זעער
פֿון שיפֿן מיט װאַנדערער,
אין שטורעם פֿאַרבלאָנדזשעטע.
די זעגלען זינגען זיגעריש
בײַ די ברעגן פֿון האַפֿנס.
און די גײער מיט װוּנדיקע פֿיס
שטומען בײַם טויער פֿון שטאָט,
װען נאַכט פֿאַרלעשט דעם אַרײַנגאַנג.

א ל ו ל

לעצטע טראָפּנס זומער פֿאַלן
אויף די סטרונעס פֿון אלול,
און העלער זינגט דער האַרבסט.

אין אייביקער דערוואַרטערונג
דער זומער גייט אַוועק,
און שענער זינגט דער האַרבסט.

וויַיטע בענקשאַפֿט גאַפֿט
מיט אויגן רויטע פֿונעם שפּיגל,
און טיפֿער זינגט דער האַרבסט.

טעמנע טרויער־טענער זינקען
אין דעם בעכער פֿון דער נאַכט —
אַנטציקטער זינגט דער האַרבסט.

סעפּטעמבער אין די סקווערן

גאָלד און גאָלד און עמבער.
און ס׳גייט אַרום סעפּטעמבער
מיט שערן איבער סקווערן
און שערט אַראָפּ און שערט
די קעפּלעך פֿון די בלומען,
פֿאַרחלשטע, פֿאַרקלערט.
און די בלעטעלעך פֿון זומער
פֿאַלן אָן אַ תּקומה
צו מאַמעדיקער ערד.

די ערד האָט זיי געכאָוועט
די בלעטעלעך צעגרינטע,
דעם מאַמע־בוים געקאָוועט
קעגן שטורעמדיקע ווינטן, —
און ס׳רײַסט זיך אָפּ פֿון קייטן
סוף־זומערדיקער היטער
און רײַסט פֿון אַלעם גרייטן —
אין בלעטערפֿאַל פֿאַרפֿאַלן.

די טויען גרויען, גליווערן
אין פֿריִיִקן באַגינען,
און ס׳פֿלאַטערן די גראָזן
און ווייִנען אָן אַ זינען.

מיט שטראַלן פֿולע עמער,
מיט גאָלדפֿאַרבלענד און עמבער,
מיט שערן אין די סקווערן
גייט אַרום סעפּטעמבער.

(1961)

אַ באַרג אין די אַנדן

די זון האָט אויסגעטאָטויִרט
דעם באַרג מיט גרינוואַרג,
ביימלעך, רויזן,
און אַלץ וואָס דאַרף
אַ באַרג צו האָבן,
ער זאָל שענער אויסזען.

נאָר זײַן קאָפּ האָט זון געלאָזן
אין שוואַרצן סומנעם היטל.
עס ציִען זיך די גראָזן
אין די הייכן
— אים דערגרייכן
און האָבן נישט קיין מיטל.

אַן אַנדער באַרג

ער האָט זיך אָװעקגעזעצט
בײַם ברעג פֿון ים און זיצט.
דער ים אים נעצט
און װײקט, און ס׳קריצט
די צײַט אױף אים איר שליטה
און אים פֿרעסט.

און ער — — אַ היטער
אײביקער, אַן אָדלערנעסט
אין שטורעם.
אים אַרט נישט אױף אַ האָר
נישט צײַט, נישט רוים,
נישט פֿורעם.
גענעצט אָפּ אַן אײביקײט אַזױ אָן סוף.

און איך, אַ רגע נאָר —
און ס׳נײגט מיך שױן צום שלאָף.

(איבער די אַנדן 1950)

סילענסיום

אַ שטילקייט אויף מײַלן.

אַ פֿויגל פֿליט
אין נאָכיאָג פֿון פֿײַלן.
איך בין אין שטומקייט פֿון פּייזאַזש.
איך זע דעם זעניט אַזש, וואָס בליט
אין העלן טאָג מיט שטערן.

און אין זײַלן ליכטיקע
פֿון רוימען
שפּאַרט אַ רויך פֿון זיידנס קוימען.

נאַכטאָנפאַל

אַ כרופקער אינסטרומענט
אין הענט פֿון מעסטער
פֿון מעת-לעתן.
האָסט פֿאַרגעסן זייער צאָל.

דיַין אַמאָל פֿון שפינוועבס
בויט אַ בריק.
וועסט במילא נישט אַריבערגיין
אויף יענער זיַיט
צוריק.

זון אויף בערג

די זון מיט גאָלדענער פען
שרײַבט צייכנס מוזיקאַלישע אויף בערג,
וואָס דאַרף ערשט אויסזינגען דער טאָג.

און פֿייגעלעך, וואָס קענען מוזיקאַלישע שריפֿט,
פֿליִען אום פֿון בארג צו באַרג אַהין און צוריק, —
און זינגען כאָרנווײַז די זוניקע מוזיק.

סך־הכּל

קלאָרקייט פֿון וואַסער
אין לויטערסטן קרוג.
קרישטאָלענער דורכזיכט —
פֿאַר מיר נישט גענוג.

איך זאַמל מײַן קלאָרקייט
און נעם זי צונויף
פֿון שטראָמעלעך קליינע
אין פֿליסיקן לויף.

פון ציקל „פּעטיט־פּיוטים"

א

דער חלום איז פֿאַרעלטערט שוין,
און אַלט דאָס וואָרט אַלײן.
נאָר אַלץ, וואָס ווערט איז, ווערט דען
אַלט ווען
און גייט אַראָפּ פֿון ווערט אַ מאָל? —
די נײַקייט איז נישט מער די שאָל.
דער תּוכן דאָך,
ווי אַלט ער זאָל נישט זײַן,
ווערט רײַפֿער נאָך
און שענער מיט די יאָרן.

ב

אַ פֿרױער פֿרײַער טאָג אויף דר'ערד,
מיט זון און גאָלד. רײַכער ווערט
ער אָבער אויף אַ האָר נישט.
ער האָט גאָרנישט נישט געהאַט —
און אויך האָבן האָט ער גאָרנישט.

ג

חיה־הונגער שרײַט פֿון ביימער
און זי מאַכט אַ קל־וחומר:
ווי באַלד דער וואַלד איר היים איז
און די נאַכט געהיים איז, —
איז פֿאַרצוקונג שלימות.

ד

דער טאָג ער
צינדט אין באַרג אַרונטער
ס'אויג פֿון אָגער,
וואָס גייט אונטער
מיט דער זון.

ה

ווי אותיות ציטערדיקע פֿלאַטערן
די פֿייגל ווײַסע אויפֿן הימל־בויגן.
דער טײַך איז לינעאַל.
און ווי קראַטערן צעצינדן זיך די אויגן
פֿונעם אָוונטפֿאַל,
וואָס פֿאַלט אין ערגעץ נישט אַרײַן.

ו

אַ גאַנצע וועלט פֿאַרגייט
אין זונפֿאַרגאַנג —
איך אַליין נאָר בלײַב דאָ,
אַ געפֿאַנגענער
אין דער וועלט, וואָס איז פֿאַרגאַנגען.

ז

די וואָלקנס פֿאַרשניטן
אין לײַב פֿונעם זומער
מיט נאָך נישט געשטילטן
פֿאַרבלײַב פֿונעם רעגן.

(אין פֿינצטער פֿאַרהילטן
די וואָלקנס מיך שרעקן).
די נאַכט קומט אַנטקעגן
מיט לאָגלען אָן רעגן...

ח

אַ פֿאַרוווּנדיקטער הירש
צווישן אַ סטאַדע שאָף.
אַ ליאַדע ווינטל שרעקט מיך
און וועקט מיר פֿון שלאָף.
הינטערן דאָרנבוש — דער לייב,
און די שלאַנג — אונטערן שטיין.

איך בין אין מדבר־דיך
מיט זיך אַליין.

טאַנגאָ פון טרויער

שטילקייטן, אַליינען

שטילקייטן, איינזאַמקייטן, אַליינען
נעמען זיך צונויף אין איינעם
און וויינען.

וואָס וויינען זיי די שטילקייטן,
וואָס?
וואָס באַהאַלטן זיי די פּנימער אין גראָז?

און זיי שעמען
זיך פֿאַר וועמען?

אַ שטים נאָר אין ווײַטקייטן
זוכט אַן אָפּקול,
אַ ציטער.

און ס'וויינט דער ווינט
מיט טרוקענע ריטער.

אין האַרצן וואָרצלט אַלצדינג,
און ס'וואַקסט אַרויס פֿון האַרצן
אַלץ מיט אַנאַנדער.

די פּלאַנצן פֿון וואַנדער
מיט גיפֿטיקע בלעטלעך
איינס אין אַנדער,

און די אַפּרו־קווייטן
בלוטיקן און רײַפֿן
אין האַרצן.

נאָר עס האָט קיין צײַט נישט
צו רוען דאָס האַרץ —
דער מידער וואַנדערער
אַליין.

עס פֿלאַטערט און ציטערט
און פֿיבערט און יאָגט.

און דאָס איז אַלץ,
וואָס אַ האַרץ נאָר פֿאַרמאָגט.

א י י נ ז אַ מ ק י י ט

ראַשיק רוישט דער ווינט
פֿון דעם פֿאַרמעסט פֿון מענטש
אין אויסשטרעק צום אין-סוף.
און אין חושכניש
דער אויפֿגאַנג רײַסט זיך אויף,
ווי איינער וויל וואָס אויסשרײַען פֿון שלאָף,
נאָר דער ושט שטיקט אין האַלדז.
און קיינער קומט דעם נײַעם טאָג באַגעגענען
מיט ברויט און זאַלץ.

פֿאַרמאַכט נאָך אַלע טירעלעך פֿון האַרץ
און אײַנגעטונקט אין דרעמל פֿון סוף-נאַכט.
מיט גנאָדיקייט דער אָנהייבטאָג און צאַרט
מײַן אויפֿוואַך פֿרײַקן באַוואַכט.
נאָר איידער ער האָט אויפֿגעמאַכט
די בלויע פֿענצטערלעך פֿון ליכט,
צעפֿלאַקערט זיך אַ שלאַכט
אין טאָל פֿון הימלדיקן בלויז,

און ווילדע וואַלקנדיקע פֿערד
צעטרעטן זונעדיקע רויז,
און אומגעלומפּערט קריכט
שטאָק־פֿינצטערע פֿאַרזעעניש אויף דר׳ערד.

אין פֿאַרלוירנקייט איך שטיי
אויף שיידוועגן צעטראָטענע
דורך שווערע טראַמפּלענדיקע פֿיס.
איך זוך אומזיסט
די ווערטער די צעשאָטענע
פֿון מײַן נישט אַרויסגעבראַכטן ליד,
וואָס וויל אַרויסשרײַען מײַן איינזאַמקייט —
און בלײַבט אַלץ אין דער מיט.

עלעגישע שורות אויפֿן קבר פֿון אַ פֿרוי

ס׳איז נאָך קיין יאָר נישט פֿאַרבײַ,
מאַמע,
און דו ביסט שוין — אייביקייט.
נעכטן בין איך אויף דײַן קבֿר געווען.
ס׳איז זומער געווען, גראָז האָט געשפּראָצט
אויף אַלע קבֿרים אָן אונטערשייד
(דאָרט זײַנען אַלע אונטערשיידן אָפּגעווישט).
און איך האָב גערעדט צו זיך
בזה הלשון:
עס איז נאָך די זאַנג פֿול מיט קערנער,
און דער ווינט דרעשט שוין און שלאָגט דאָס שטענגל.
דאָ, אויפֿן בית־עולם אַפֿילו, וואַקסן מאַראַנצן,
און איידער וואָס ווען, ביזקל זיי וועלן נאָך בליִען,
קענען זיי שוין זײַן צום שטויב פֿון די פּים.
דאָס פֿייגעלע, וואָס זינגט אויפֿן פלויט פֿון עולם־האמת,
קען מאָרגן שוין פֿוילן אין מיסט.
אייביקייט זיצט בײַם האָריזאָנט אין געשטאַלט פֿון
— אַ פֿרוי —

יונג און גראַציעז.
מיר טוען אַלע באַגערן צו איר,
און זי באַהעפּט זיך גאָר מיט צייַט און רוים
און לאַכט בשתיקה פֿון הרף־עינדיקע תאוות.
אין אָנגעזיכט פֿון אייביקייט איז פֿרייד קיין פֿרייד נישט,
און דער טרויער איז, ווי אַש נאָך אַ שׂרפֿה:
ווינטן קומען און פֿאַרטראָגן אים אין אַלע פֿיר ענדן.
געראַנגלען פֿון דער וועלט זענען נישטיק פֿאַרן גרויסן סוד
פֿון אוניווערס. פּיגמעעלעך ווייסן נישט דעם כּוח פֿון באַשאַף
און זיי פֿאַרמעסטן זיך מיט גאָט.
און ער, דער כּבֿיכול, איז אַלט און געדולדיק
און האַלט אין זייַנע ביינערדיקע הענט
דאָס זשאַווערדיקע צינגל פֿון יאָ און ניין.
און צווישן דעם יאָכצנדיקן יאָ און ניין פֿון הימלישער וואָג
זינקען דורות אין אָפּגרונטן און נייַע גייען אויף פֿון
בלוטיקע טאָלן.

אַזוי איז דער גאַנג פֿון דער וועלט.

און אַלע מייַנע טראַכטענישן זענען הבֿל און טויזנט מאָל
איבערגעזאָגט.
נייַ איז נאָר די אייביקע פֿילונג און שפּירונג פֿון מענטש.
נייַ איז מייַן אייגענע תּפֿילה צו גאָט, וואָס איך טראַכט
אין מייַן האַרצן.
און נייַ, שפּאָגל־נייַ איז אָט דער חשבון מייַנער,
וואָס איך פֿיר מיט זיך.
און יעדער מענטש באַזונדער פֿירט זייַן חשבון אויף ס'נייַ
און בלייַבט אין דער אונטערשטער שורה — באַנקראָט.

טאַ צו וואָס, זאָג איך, איז מײַן גאַנצענער לויף אַט־אָ־דאָ?
מײַן גאַנצענער חשבון־הנפֿש מיט מענטש און מיט וועלט,
אַז — אַט איז נאָך קיין יאָר נישט פֿאַרבײַ,
מאַמע,
און דו ביסט שוין — אייביקייט!

פֿון דעסטוועגן שלאָגט מײַן בלוט צו די שלייפֿן, ווען
הונגער נאָגט,
צי בעת אַ קינד וויינט פֿון ווייטאָג אָדער ווען מע טוט
אים אָן עוולה.
און ס׳צינדן זיך אָן מײַנע אויגן מיט פֿײַערלעך האָס,
ווען מענטשן שלאָגן זיך פֿאַר ברויט —
און פֿעלדער בליִען און פֿילן אָן די שפּײַכלערס פֿול מיט
קאָרן, ווייץ.

און ווען ברודער־מענטש זײַן צווייטן ברודער פּײַניקט
פֿאַר מערער רום, פֿאַר מערער פֿרייד און מערער געלט, —
דעמאָלט גיסן זיך די פֿויסטן אָן מיט בלײַ
און איך בין גרייט פֿאַרמעסטן זיך מיט טויזנטער אין גאַס.

איך קען נישט, מאַמע, ווידער בין איך הילפֿלאָז ווי אַ קינד!
איך קען נישט, מאַמע, זאָג מיר, זאָג מיר נאָר — פֿאַר וואָס?
אַט קען איך נישט דעם גלײַכגעוויכט געפֿינען
פֿון דער צווייִיקייט אין מיר.
עס געפֿינען נישט די בלוטן מער קיין רו
און לויפֿן אום כאַאָטיש אין מײַן גוף
און לאָזן נישט קיין אויג מיר צומאַכן אין קאָפּ.
און רעדן רעד איך צו די שאָטנס פֿון די ווענט
און צו דעם עכאָ פֿון מײַן אייגן קול,
ווען פֿינצטערניש בעט אוים מיט טעפּעכער די נאַכט, —
עס גייען דעמאָלט דורך פֿאַר מיר די וויזיעס אַלערליי
פֿון מײַן טויזנטמאָליקער פֿאַרוואַנדלונג
און פֿון די טויזנטער פֿאַרוואַנדלונגען און וואַנדערנישן
פֿון מײַן פֿאָלק.

אויף פּעלדער נאַקעטע זיי ליגן שטום און בלינד
אויף באַראַט פון מענטשלעכער גערעכטיקייט —
און קיינער קומט זיי נישט צו הילף.
זיי האָבן נישט קיין היים.
די ווענט פון ביידלעך זייערע אין ווינט
פלאַטערן, ווי זעגלען ווי צעריסענע פון אַן
אונטערגייענדיקער שיף.
און זומער איז — און קיין שום ערד אויף גאָרער וועלט
שוואַנגערט נישט פאַר זיי מיט זעט. מיט נעגל רייסן
זיי דעם גרונט —
און וואַרטן וואַרטן זיי מיט שוים אין מויל
אויף פענעצלעך פאַרטריקנטע פון קצבֿה-ברויט.
מיט ספֿר־תּורות אין די הענט נאָך שטאַרבן זיי און
לעבן לעבן זיי אַן גאָט. —
און איך? ווו בין איך ווו?

איך רעד, דוכט מיר, צו זיך און קיינער הערט מיך נישט.
איך זיץ ביים רויען קבֿר פון אַ פרוי.

זי איז עס געווען, וואָס האָט מיין קול אין טונקלעניש געוויגט,
הונגער מיינעם מיט איר בלוט געשטילט,
מיין טרער באַהאַלטן טיף אין אוצר פון איר האַרץ,
און יעדער טראָפן פרייד מיינער, ווי אַ בלום, האָט
אויפגעשפּראָצט
אויף די ביטנגריבער פון איר צעאַקערטן געזיכט. —

און אַט פאַלט צו די נאַכט. בית־עולמדיקע נאַכט.
און שרעק פון טויט (אומזיסטע שרעק!) וועט שלאָגן באַלד
אין פויקן פון די אויערן: אַ טויטע וועלט איז דאָ! און דו?
וואָס טוסטו דאָ אַליין?
אַ טויטע וועלט — און לויטער איין!

איעדע טראַכטעניש, ווי היים זי זאָל נישט זײַן,
פֿאַרגליווערט דאָ,
און קיינער הערט דאָ נישט קיין מענטשלעך קול אין
קבֿרימדיקער שטיל.
די ביימער, ווי אַבֿלים, שאָקלען זיך און האַלטן אין איין
תּפֿילה טאָן צו גאָט.
און אָוונטיקע ווינטן קומען אָן און שלאָגן זיך מיט טירן
שטיינערנע
און שטערן דורותדיקע רו,
און וואָיען נאָך דעם לאַנג אין ווידערקלאַנג פֿון כּלבֿים
עלנטע. —

און איך? פֿון וואַנען קום איך דאָ אַליין?
איך טאַפּ מיט פֿינגער בלינד דאָס דאַרע קבֿרימדיקע ברעט,
שלאָג אין קבֿר אָן — און קיינער הערט מיך נישט.

אַ גוטע נאַכט" — זאָג איך
און זעגן זיך מיט מאַמעס שוין פֿאַרטריקנטן געביין,
און נעם אַ ביסל ערד פֿון קבֿר אירן מיט,
און שאַר מיך שטיל אַוועק. —

און זע:
אַזוי איז גאָרע שטאָט גאַר בית־הקבֿרותדיק:
טויטע פֿײַערן.
די מתים גייען אום אַזוי מין שרעקנדיק,

מיט אויגן בעלמיק בליקן זיי און וואַקלען זיך.
און טאָמער רעדט ווער אויס אַ וואָרט פֿון לעבעדיקער
מענטשלעכקייט,
נעמען קלאַנגען גוססן
און גייען אויס אויף גאַסן שטאָטישע אָן ווידערקלאַנג. —
איך שלאָג אין קבֿרים־טויערן, און קיינער ענטפֿערט נישט.

אִיך בין אַליין אַ שטיק פֿאַרוואַנדלעניש פֿון טויטער
נאַכט אָט דאָ:
דער שאָטן פֿון מײַן וואַקלעניש אויף ווענט געקרײַציקט איז,
און ס'וועבט לבֿנה פֿעדעמווײַז
שטילקייט-ווײַסע שלייערן פֿון טויט. —

שטשירעט אוים די נאַכט די ווײַסע, פֿרעכע,
פערלמוטערדיקע ציין
און לאַכט און וויינט צו קאַלטע מויערן
אַ הינטיש-גאַסנפֿרויִשן געוויין. —

טאָ ווער זשע וועט, אַ טויטע מאַמע מײַנע,
גיין אויף גאַסן הײַנט אַליין?...

(1940)

פֿאַרגענגלעכקייט

מײַן זײַן אין ניט־זײַן זיך פֿאַרוואַנדלט בהדרגהיק.
אין מלכות פֿון הייכן געווען ערשט פֿאַרטאָגיק,
נאָר זוניקע אויג איז מיט בעלמעס פֿאַרלאָפֿן, —
דורך בלינדקייט דער וועג איז צו בלויע אין־סופֿן.

דער גאַנג פֿון מזלות — אין ווײַטקייט פֿון תקופֿות,
און שטערנשײַן שיט זיך און ווערט נישט צעשאָטן.
דו האָסט נישט קיין נאָמען — טאָ ווי דו ווילסט, רוף עס:
אַ שפּליטער פֿון זײַן ביסט, אַ פֿלעק פֿון דײַן שאָטן.

די זון וועט איר קרײַז נישט פֿאַרענדיקן קיין מאָל,
אָן סוף איז די ספֿירה פֿון הימלישע ספֿערן.
נאָר דיר איז באַשערט דאָ צו זײַן מער נישט איין מאָל —
אַ בליץ נאָר אין חשבות, אַ שײַן פֿון נישט ווערן...
און טאָמער וועט בלײַבן אַן אָפּשײַן אַ בלייכער
פֿון ליכט, וואָס דו טוסט ווי אין מדבר פֿאַרלירן, —
פֿון קול דײַנס אַן אָפּהילך, פֿון זײַן נאָר אַ זכר,
אַ פֿײַער, וואָס וועט אין דער נאַכטטיף פֿאַרפֿרירן.

נישט דו וועסט דעם אויפֿוווּקס פֿון זריעה פֿאַראַרבן,
אַ צווייטער וועט קומען צו שניטצײַט אַ גרייטער;
אַ האַנט אומבאַמערקטע וועט בינדן די גאַרבן —
די האַנט פֿון באַגלייטער... דער צווייטער, דער צווייטער...

אַ הײַזער־גײער

דאָרט, אין יענעם קעניגרײַך,
שטילקייט אייביק איז און סוד.
אַהינצו שווימען מיר, ווי דורך אַ טײַך,
נעענטער, אַלץ נעענטער צו גאָט.

ס׳לעבן לויפֿט, ווי פֿאַליעס אינעם ווינט,
און עמעץ קומט פֿאַרפֿירן אונדז דאָס בלוט.
שפּילט מיט פֿלאַטערלעך מײַן קינד —
און אים איז גוט.

און איך אַליין דאָ צווישן ווענט
וויין מײַן ווייטיק, ווי אַ גריל.
צו וועמען איז געווײן מײַנער געווענדט?
צו וועמען רוף איך אין דער שטיל?

ס׳לעבן גייט, חלומות ווערן עלטער,
וועלקט די האָפֿענונג אין שפּעטן האַרבסט.
און דער קאָרשון אויפֿן בוים — וואָס שעלט ער?
אַ, מיט פֿאַרגעפֿילן פֿול מײַן פֿלאַטערדיקע האַרץ!

דער אָוונט פֿאַלט, אַ מידער הײַזער־גייער
צו די שוועלן מײַנע טונקעלע פֿון טיר.
מיד פֿון בעטלברויט, און רו נאָר גאַרט ער זייער, —
וויפֿל איז צו וואַנדערן דער שיעור?...

אַ פֿרוי פֿון זאַלץ

כ׳שווים אום אין שטילקייט
אַריבערן האַלדז,
און איינזאַמקייט ווערט
אַ פֿרוי פֿון זאַלץ.
כ׳קוק מיך אויף צוריק אום,
און ס׳שווידערט די הויט,
און ס׳גיט מיך אַ קוק אָן
די פֿרוי פֿון לוט.
שטייט זי פֿאַרשטיינערט
די איינזאַמקייט-פֿרוי.
ערשט נאָכן מבול —
און ס׳רעגנט אַזוי.

דער רעגן גייט באָרוועס
און טאַנצט אויפֿן דאַך.
די פֿרוי פֿון מײַן אומעט
זאָל געבן אַ לאַך!
דײַן ליכט איז פֿון דורות,
פֿאַרגליווערטע פֿרוי!
די טויטע לבֿנה
שטראַלט אויך אַזוי.
נאָר דו ביסט קיין ליכט נישט,
אָ, איינזאַמע שעה, —
דו האָסט קיין געזיכט נישט
און שטענדיק ביסט דאָ.

די מוילוואָרפֿן פֿון זינד

די מוילוואָרפֿן פֿון זינד
גראָבן זיך בלינד
אין פֿינצטערקייט געפֿינען טראָפּנס שײַן,
דעם זינען פֿון זײַן, —
אין וועלט פֿון נאָך נישט אויסגעגלײַכטע שאָלן.
ווער וועט צאָלן פֿאַר דעם איבערבלײַב פֿון שלעכטס,
וואָס וועגט אַריבער?

און דעריבער וויינען דאָך די אויגן מײַנע
טרערן־באָכן —
אַז ווער וועט היילן מײַנע בראָכן?!

וווייטיק

איך וואַנדער אין אײנגעווייד פֿון אייגענעם ווייטיק.
די נסיעה איז נייטיק, נייטיק.
איך וועק אים, דעם ווייטיק, און רוף —
עס איז נישט דער ווייטיק פֿון גוף.
ער איז נישט קיין שעפּס, וואָס דרעמלט פֿון שלאָפֿקייט —
אַ הונט איז מײַן ווייטיק, וואָס וואַך איז און האָוקעט,
ווען נישט נאָר לבֿנה דערזעט ער אין הימלען פֿאַרבײַגיין.
ער בילט אויף לבֿנהקן רייפֿל, וואָס איז נאָך נישט רײַף
און נישט צײַטיק.
מײַן אײַנגעווייד ברענט ער, אייביק ווערנדיקער און
פֿאַרצערנדיקער ווייטיק.

מיט מיר ווי געבוירן, לאָזט ער נישט זײַן מיר אַ ווײַל
אומגעזעטיקט.
און טאָמער אַ מאָל, ווען ער קומט אָן פֿאַרשפּעטיקט,
ער קומט, ווען עס דרעמלט באַוווּסטזײַן,
איך בין ווי נישט-דאָיִק, פֿאַרחושט און פֿאַרשטאַמלט, —
וויים איך, אַז ער האָט די לויפּיקע פֿײַנען פֿאַרזאַמלט,
פֿאַראייניקט,
פֿאַרקנופּט און פֿאַרבונדן,
אַז ס'זאָלן אין אײַנגעווייד רוען
אַ ווײַלע די וווּנדן.

איצט האָט ער שוין ווידער מײַן קאָפּ אָנגעצונדן.
איך וואַנדער אין לאַנד אום
פֿון בראַנד און פֿון וווּנדער.

אַ שיף אָן אַ רודער

גרינע שטילקייטן,
אײַנגעשטילטע גרינקייטן
ווערן זיך,
ווערן וואַסערן,
צעלויפֿן זיך,
ווי אויגן
אין אַ רעגנבויגן.

דער רעגנבויגן אַליין
אויף יענער זײַט הימל,
די אויגן דאָ און דאָרטן — בלאָ,
זעען, וואָס איז געווען,
און זעען נישט, וואָס איז דאָ.

שעה נאָך שעה אין איין מינוט,
לאַנגע מינוטן,
קורצע שעהען
לײַען שטיקער אייביקייט,
שטחים צייט,
לײַען, לײַען
אויף נישט אָפּצוגעבן,
קײַען,
קײַען שטיקער לעבן.

— קין, ווּ איז דײַן ברודער?
ווער היט דען זײַן אייגענעם שאָטן,
וואָס איז צעטראָטן?

— איך בין דײַן שאָטן,
דו ביסט מײַן ברודער.
אָדם — מײַן פֿאָטער,
דער בוים איז אַ טאָטער,
און אָטעם צעגרינטער
פֿון שלאָף און אַ חלום.

אַ שיף און אַ רודער
שווימט אליין,
שווימט זיך
אויף מעסערס פֿון וואַסער.

— ווּהין שווימסטו
אייניקער אליין? —
דער פֿעלדזנשטיין
בײַ ברעגן
וואַרט אויף דײַנעטוועגן?

אַ ווינט

איך האָב געהערט אַ ווינט ריידן צו זיך אַליין.
און אפֿשר האָט ער גערעדט צו דעם שטיין
אויפֿן ווינקל פֿון גאַס אין רעגן.
ווער קאָן דען אַ ווינט פֿאַרשטיין —
אַ ווינט אַליין אויף די נאַכטיקע וועגן,
אַנטלויפֿנדיק פֿון אייגענער קעלט.

אפֿשר איז ער אויך אַליין
אין זײַן אייביק פֿליִענדיקער איינזאַמקייט,
ווי איך אין מײַן מכּלומרשטער געמיינזאַמקייט
פֿון מײַן שטענדיקן גיין
איבער דער וועלט.

ש ר ע ק

ווי איך האָב געזאָגט דיר
פֿריִער מיט אַ שעה:
דער רעגן וועט פֿאַרוואַשן נאָר
דעם מאָך פֿון פֿאַלנדיקע ווענט.
די אַלטקייט בייגט דאָס הויז אין דרייען.
און נאָך אַנאַנד די פֿלעדערמויז
זי פֿליט מיט בלעטלעך נאַכט אין מויל.
און ווי דער גריל אין וואַנט
זעגט די שרעק אין טונקלדיקן רעיון.

אַזוי אין רו צו שטאַרבן

אַזוי אין רו צו שטאַרבן —
ווי דער זאָמען אָן אַ נאָמען,
איַינגעטיפּט אין קאַרבן
פֿון דער ערד נאָך אַ צעגרינטער.
פּריִעט ערד נאָך אַ צעטריפּטע נאַכן רעגן,
און אָנגעפּילט מיט וואַקסן איז דער זאָמען אַ צעלייגטער.
נאָיעט, נאָגט ער אַ צעוויקטער
אין די קאַרבן פֿונעם באָדן ערשט צעאַקערט.
זריעה פֿון פֿאַר אַ יאָרן,
איבערלעבטע פֿון געפֿאַרן און געוויטער.

דער ווינט, דער היטער,
און דער שפּאַרבער
נישט פֿאַרדאָרבן אים — דעם שטאַרבער —
דעם גיך פֿאַרגייענדיקן זאָמען.
און ער טרינקט די זאַפֿטן פֿון די דנאָען,
און די טרערנדיקע רערן
אים דערנערן
אין זיַין ווערן קריק אַ נאָמען:
זאַנג פֿון זאַנגען.
פֿונעם טויט אַרויסגעשלעפּטער,
לעבט ער
און וועט לעבן מיט די הערנערלעך צעשטראַלטע
אין די טויען פֿון פֿרימאָרגן,
און עס וועט דער ווינט אים נישט פֿאַרדאַרבן,
נישט דער היישעריק און ראָבן.

אַזוי אין רו צו שטאַרבן,
ווי דער זאָמען
טיף פֿאַרגראָבן, —
איז אַ זכיה פֿון זיַין נאָמען.

שוואַרצער טאַנץ

און ס'איז דער טאַנץ
געבורט פֿון טרויער
אין אינעווייניקסטן ברומען,
אַ צוריקבענקשאַפֿט
נאָך דעם, וואָס וועט נישט קומען.

אַ פֿריידיקייטן־אינדזל
אין ים פֿון טונקלדיקע טרערן —
אויסשטראַל פֿון די ווײַטן,
וואָס נאָענטקייטן ווערן.

אײַנגעשטילטער רויש
פֿון ערבֿ־שטורעמדיקן שאַלן
פֿון אומדערהערטע טײַכן,
אין שאַטנדיקן שלײַכן
פֿון פֿאַרשווונדיקייטן
אין ווײַטן
צוקונפֿטיקן טויער.

ווײַטע רײַטער
אין גאַלאָפּן.
אויף־און אָפּ־געלויפֿן
אין געפֿלאַטער
אין אויפֿאויפֿן
שפּײַענדיקער קראַטער,
און אַלע אינגעווײדן ברומען
אין צוריקבענקשאַפֿט
נאָך דעם,
וואָס וועט נישט קומען.

(1952)

יזכור־לידער

א

מײַן וועלט

מײַן וועלט איז אונטערגעגאַנגען,
ווי ס׳גייט אונטער אַ שיף.
און וואָס זײַנען מײַנע געזאַנגען,
אויב נישטאָ צו יענער וועלט אַ בריוו?

אַ בריוו צו די טויטע מײַנע ברידער
אין טיפֿער נאַכט אָן שטערן.
דעם טרויער פֿון יידישע לידער
הערט, ווער ס׳קאָן הערן.

רו אין יעקבֿס געצעלט —
דעם לעצטן מת אַרויסגעטראָגן,
און אויף מײַן חרובֿער וועלט
נישטאָ ווער ס׳זאָל קלאָגן.

שטומע זיצן די באַוווינער,
אויסגעשעפּט דאָס לשון.
צווישן וואַלגערשטיינער
די זון האָט זיך פֿאַרלאָשן.

ב

פאַרלוירענער אוצר

מילכליכט טריפט לבֿנה,
הימל־עליקסיר, —
איך אַזוי דערמאָנען
וויפל איז דער שיעור?

בלומען, וואָס פאַרוועלקן,
בליִען דאָך נישט ווידער.
אין חרובֿע געצעלטן
זינגט מען נישט קיין לידער.
געווען אַ מאָל אַ לעבן —
הײַנט איז עס נישטאָ מער,
שוואַרצע וואָלקנס שוועבן
איבער טאָל פון יאָמער.

ליגט דער טאָג אַ גרינער,
דער טאָג האָט אים געבוירן.
מיר וועלן נישט געפינען
דעם אוצר וואָס פאַרלוירן.

אוי, געווען אַן אוצר,
לויטער גאָלד און זילבער,
איצט מאַכן מיר המוציא
אויף אַ פרוכט אַ ווילדער.
פון פרוכטן פון די פרעמדע
ווערן הייליק נאָר די ציינער.
שטייען מיר פאַרשעמטע —
און מיט אונדז איז קיינער.

ג

ו אָ ה ב ת . . .

מידע פֿון נאָכלויפֿן צילן,
גייען מיר נכנעדיק, שטילע,
בלוטיקט און שמערצט יעדער אבֿר —
רײַפֿע, מיר גייען צום קבֿר.

דער קבֿר איז אָפֿן פֿאַר אַלע.
מיר וואַרטן, ס׳זאָל ווערן נתגלה
דער גואל פֿון פֿעלדזן —
אומזיסט אונדזער העל-זען!

מיר וועלן דעם קבֿר באַזיגן.
אַנחלומדיק וועלן מיר ליגן —
פֿאַרשטיינערטע, שטומע פֿאָסילן,
מידע פֿון נאָכלויפֿן צילן.
ואָהבֿת — געבאָטן פֿאַרזאָגט אונדז.
פֿאַרלאָשן אין ווײַטקייט, פֿאַרפֿאַלן...
צו וואָס זאָלן שופֿרות איצט שאַלן?

ד

ד ע ר ב ש ו ר ה - ט ר ע ג ע ר

איבער קליינעם מהלך
פֿון נעכטן ביז מאָרגן
איז געגאַנגען אַ מלאך
אַ בשׂורה צעטראָגן.

לעגענדע פֿון טאָגן
איבער קליינעם מהלך,
נישט געקאָנט האָט דערטראָגן
דער בשׂורהקער מלאך.

צו גרוים די אחריות
געווען פֿון שליח,
און ברענגט ער די נײַעס,
דאַן ווערט ער משיח.

געבליבן איז הענגען
די בשורה אין מהלך,
עס זאָל נאָך איר בענקען
די וועלט — און דער מלאך.

האַרבסטיקע ביימער

דער בוים האָט, ווי אַ בעטלער,
אויסגעשטרעקט די הענט,
און ס׳פֿאַלן אָפּ די בלעטלעך,
ווי קופּערנע פּאָר סענט.

געזאַמלט זיי, געזאַמלט זיי,
אין די הענט זיי שטיל פֿאַרמאַכט, —
איצט פֿאַלן זיי, איצט פֿאַלן זיי
בײַם אָנקומען פֿון נאַכט.

ווער זאָגט, אַז ס׳איז קיין האַרבסט נישטאָ
אויף נײַעם קאָנטינענט?
זעט, ווי ס׳ווײַנט די דעמערונג — אַ קראָ
אויף בעטלערס הענט.

און ביימער, ביימער קלאָגן זיך,
פֿאַרלירן זייער גוטס;
און וואָלקנס, וואָלקנס יאָגן זיך —
די זון פֿאַרגייט אין בלוט.

אין מרחק

א

דער הימל פֿאַראָוונט
דאָ זעט אויס יענוועלטיק.
אַ טונקעלער מרחק געוועלטיקט.
און דו קומסט אַן ווידער
מיט לידער אין הארצן, ווי דעמאָלט.
דער הולך דער זעלבער,
די זעלביקע בליקן
פֿון אונטער די ברעמען,
פֿאַרטריפֿטע אין דרעמל.

דער הימל ווערט נענטער,
און באַרוועס דו שלײַכסט זיך פֿאַרביי דאָ
דעם טײַכל דעם גרינעם,
וואָס בליט איצט מיט פֿונקען
פֿון נאָר וואָס דערוואַכטן זיכּרון.

ב

אַ נאַכט מיט בלינדקייט
אַ געשלאָגענע.
ביימער וואַקסן אין דער פֿינצטערניש אַרײַן.

יש אומרים:
זיי זײַנען שומרים פֿון אַן אומבאַוווּסטער שײַן,
וואָס שפּראָצט פֿון חושכניש אַרוים
און גיסט זיך אויס.
נאָר נישט יעדן איז באַשערט
אָנצוקינדיקן דאָס ליכט,
וואָס שלאָגט
פֿון אַלע זיבן הויטן פֿון דער ערד.

טאָגבוך פֿון טרויער

א

כ׳בלעטער אויף דעם טאָגבוך
פֿון מײַן טרויער
אויף געלעגער פֿון בײַנאַכט.
פֿון שורהלעך פֿאַרשטומטע
אין נישט־פֿאַרמאַכטע סטראָפֿן
שײַנט דאָס ליד דאָס נישט־דערזונגענע
פֿון פּאָעט אין נצח־שײַן.
דער טרויער וואַקסט מיט דער לבֿנה אין דער נאַכט —
די נאַכט פֿון אונדזער אייביקייט,
פֿון אָנהייבן פֿאַרהוילענע
ביז שפּעטע סופֿן.

ב

ריחות פֿון טויט אין דער פֿינצטער.
האַלבע געשרייען זיך שאַרן אין שרעק.
הענט פֿון אַלמנות באַרירן
די הויט פֿון דער ערד.

די זייגערס פֿאַרהאַלטן
דעם שלוויקן גאַנג,
נאָר ס׳רירט נישט דער אומרו
פֿאַרגליווערטן צונג.

שאַרבנס אָן אויגן
באַגאַפֿן די קבֿרים;
אָן פּלייצעס סקעלעטן
מיט שפּורלאָזן טראָט.

גענייצטער צעצוקטע
פֿון פֿרויען אָן מין.
צעציטערטע פֿינגער
שפּילן אויף ביימער
פֿאַרשטומטע מוזיק.

צעקרייען זיך הענער,
און ס'וועקן זיך קינדער
פֿון טויטלעכן שלאָף.

ג

שאַרכיקע שטילקייט ווערט שרײַיק
אין נאַכט מיט פֿאַרשלאָסענעם מויל.
רו־רגעס נאַכטיקע בלײַיק
פֿאַלן געשוואָלן פֿון גרויל.
שאַרפֿט פֿילגעשטאַלטיקע ווילדקייט
אַ בלאַנקן צווייִשאַרפֿיקן מעסער.
צו וועמען שרײַט נאַכטיקע שטילקייט,
ווען גנאָד איז פֿאַרשלאָסן אויף שלעסער?

ווילדקייט פֿילאויגיקע קלינגט שוין
אין גלעקער פֿון נאַכטיקער וועלט,
בלוט פֿון איר מעסער אין רינשטאָק
רינט לאַבירינטיק און קוועלט.

שרײַט שאַרביקע שטילקייט אַלץ העכער —
און גאָט איז אין הימלען פֿאַרמאַכט.
גייט איבער געשריי שוין דעם בעכער
פֿון גרויליק אַנדנאַיִקער נאַכט.

ד

— ווער וויינט און ווער יאָמערט אין ווינט
און וויקלט מײַן קאָפּ אײַן אין גרוי?
— עס וויינט דאָס געשאָכטענע קינד
אויף רויטן געלעגער פֿון שטרוי.

— ווּעמעס איז וויינענדע קינד
אויף קאַלטן געלעגער פֿון גרויל?
— דאָס קינד איז אַ ברודער פֿון ווינט
און ווי ווינט איז עס עלנט און הויל.

— מיט וואָלקנס ווערט פֿולער די נאַכט,
וואָלקנס פֿון יענער זײַט ים.
— ווער האָט די וואָלקנס געבראַכט,
בלוטיקע וואָלקנס, ווי פֿלאַם?

— פֿײַן מײַנע, שאַרפֿער פֿון ווײַן,
שיכּורט מיך אָן מיט איר סם.
— געשאָכטענע קינד, שלאָף שוין אײַן —
וואָלקנס פֿאַרשלינגען דעם ים...

ה

די נאַכט טראָפּלט טראָפּנדלעך קילקייט,
ווידערקול פֿון דורות שאָרכט דאָ.
ווער האָט אויסגעשוויגן אַזאַ שטילקייט,
וואָס וויל אויסשרײַען איר בראָך דאָ?

מינוטן רירן זיך און קייטלען זיך אין רינגען,
הימל־ספֿערן דאָ פֿאַרמירן זיך און זינגען.
עכאָט אָפּ אַ ווײַטער איבער־ניגון
מיט אַן אומעטיקן וואַיען.
כּנבֿל הנשברת האָפֿענונגען ליגן,
און ס׳טרעטן זיי מגושמדיקע טלאָען.

ו

שרעק האָט אויסגעשפּרייט די פֿליגל,
שטילע פֿלאַטערדיקע שעהען, —
די הערשערין פֿון נאַכט
און פֿינצטערן שגעון.
כ׳קאָן נישט אויפֿזוכן די אייגענע געשרייען —
זיי קלעטערן און קײַקלען זיך פֿונאַנדער.
ווײַטע טריט נאָר, הער איך, גייען,
קאַלטע טריט, פֿון לאַנג באַקאַנטע.
ווער האָט זיי אין פֿינצטערניש געבראַכט דאָ
און אויסגעמישט מיט די פֿאַרלוירענע געשרייען?
ווייטאָג מײַנער אויסגעוווּנדיקטער
און נישט־געהיילטער
אין נאַכט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַרכטער.
אַלע שרעקן מײַנע, פֿאַרגעפֿילן
אויסדערציילט ער
און מיט פֿליגל זײַנע ציטערדיקע
פֿאָכט ער.

ז

איטלעכער טראָט
אויף די שטיינער פֿון שטאָט
אַן אָפּהילך
שלאָגט אָפּ
אין מײַן גוף, —
קיינער הערט נישט אַליינגייערס טריט.

טראָפּנס שרעק,
טראָפּנס סם אין מײַן בלוט.
נאַכט פֿאַרמאַכט די לעצטע טיר, —
און איך פֿריר,
און איך פֿריר,
און איך פֿריר.

ח

. . . נאַכט ליגט אויסגעצויגן, ווי אַ נהרג,
און יעדער עבֿאַ פֿאַלט אַרײַנעט אין היסטעריק.
שפּעטע שעה. אַ קראַ האָט זיך צעקראַקעט.
שטילקייט גייט אום אָדם-נאַקעט
און אומפֿאַרשטענדלעכקייטן פּלאַפּלט.

ט

ברודיק ברומט דער מערדער,
שאַרפֿט דעם שאַרף פֿון שווערד ער
אויף די דאַרע קרבנס קנאַכן,
קללה-קולות פֿון נצחון.

וויגט דער גאָט פֿון אַלטע שטאַמען
אַ פּיצל קינד אויף שוים פֿון מאַמען.
שאַרף פֿון שווערד נאָך שטרעקט זיך
איבער קינד, וואָס וועקט זיך.

שווערד זיך שאַרפֿט אויף גאָט אַליין
אין רויטער שעה פֿון נאַכטגעוויין,
בלוטיק וויינט אויך גאָט און קלאָגט,
נאָר ער ברענגט נישט נײַעם טאָג.

י

אויף הימלוועג דעם ווײַסן
דרײַ אלמנות שפּרײַזן.
די נאַכט טוט קריעה רײַסן, —
די נאַכט, ווי אַלע נעכט,
אַ היטערין פֿון שלעכטס.
עס גייט דער חודש מערץ.

די פֿרילינג-שטערן ציטערן,
אויף לבֿנה-פֿעלד פּיטערן
זיך שאָף. אַ פּאַסטעכין אַ היטערין —
דער טויט — היט און וואַכט

איבער די שאָף אין נאַכט
און איבער די אַלמנות צאַרט
אויפֿן הימלוועג דעם ווײַסן,
וואָס טוען צו אייביקייט שפּרײַזן.

יא

שטאַרב נישט, געשריי,
גיי איבער אין דומם.
אייביקייט זיצט אויף אַ שטיין
און מעסט אָפּ די רוימען.
די רוימען — זיי ווערן נישט אַלט.
— אַלטקייט איז אייביקייט, קינד.
געוויין איז אַ שלוכץ פֿונעם האַלדז,
וואָס שלינגט אײַן דער ווינט.

די נאַכט איז געאָרעמט מיט טויט —
צוויי פֿייגל אין פֿלאַטער-געפֿלי.
לבֿנה איבער זיי איז אַ ברויט,
וואָס נאַכט האַלט אויף בייג פֿון די קני.

ביימער, ווי שומרים אין רוים,
אַ קעמל — די נאַכט אין די בערג.
איבער מיר,
איבער דיר,
איבער בוים, —
הענגען לבֿנהקע העק.

יב

אַ שיף מיט פֿליִענדיקע שטערן —
שווימט די נאַכט אויף הימלדיקן ים.
איך קום אַרוים אַנטקעגן
אַ פֿאַרווירטער פֿון ערדישע וועגן.
נישט איך אַליין — מײַן שטאַם
דער אָפּגעבערענטער וואַנדערט אין די רוימען.
און ווי עס וואָלט אַ רויך געגאַנגען
פֿונעם גהינומדיקן קוימען,

און דער אויוון וואָלט געברענט נאָך
מיט גופֿימלעך פֿון קינדער,
און ס'וואָלט געווען דערבײַ נאָך
דער קנאַהדיקער צינדער...

נאָר וואָס גאָר פּלוצעם רויכן
אין הימלדיקע קלאָרן,
ווען נאַכטיקייט אין הויכן
מיט טאָגליכט ווערט פֿאַרלאָרן?

די שיף פֿון נאַכט אין פֿײַערן
דערברענט מיטן באַגינען.
איך וועל דאָ מײַנע טײַערע
אין זונליכט נישט געפֿינען.
אויף ראַנדן פֿון דער נאַכט נאָר
זיי שלײַכן אום יענוועלטיק,
און פֿינצטערניש באַוואַכט זיי
און פֿינצטערניש געוועלטיקט.

יג

דער טויט אַנטקניטער,
געניטער קוילער
בײַם קרבן עולה
היט ער
(זיך אַליין געבראַכט צו זײַנע פֿיס).

דער טויט איז זיס,
און זיסער
נאָך די שטומע שפּראַך פֿון טויט-געניסער.

נישטאָ שוין מער דער גוטער קרבן.
אָן אַנטגופֿטער, וואָס געשטאָרבן
אין אויסדערווײלטער שעה געגאַרטער,
אַנטהוילטער רופֿט ער
שטום און שטומער
אין נישט-דערוואַרטער
שעה פֿון תּקומה.

יד

דײַן שאָטנדיקן ברודער לויב,
אין דורותדיקן שטויב צעטראָטן.
זײַן שאָטן שפּרייט אַ וווּנדערלעכע רו,
ווען רוט האָט אויפֿגעהערט.
שאַ און רויש
אויף וואָגשאָלן פֿון ערד
וויגט און וועגט
נאָך ערבֿ-טאָג.

שײַן פֿון מאָרגנשטערן צאַנקט,
און ס׳זינגט און דאַנקט
דער בלינדער פֿויגל פֿון קאַיאָר
אַ לויב צו קלאָר און שײַן,
וואָס ס׳זיפּט דער מזרח שוין.

מיט גלימצערדיקע גליווערעם פֿאַרזייט,
דער טויטנטאָל זיך וועקט.
און ווי עס האָט געשרעקט
דאָס בלינדע אויג פֿון טויט,
בייגט זיך אוים דער הימלבייג און בלויט.

טו

ערבֿ-טאָג פֿון נייַעם טרויער.
פּען מעקט ווייַסקייט פֿון פּאַפּיר.
אָט קלאַפּט אָן דער טאָג אין טויער,
און אָט וואַכט די נאַכט בייַם טיר.
ס'האָט ווער אין דער פֿינצטערניש געטראָטן,
דורכגעשפּרייַזט אין קרייַז אין לערן,
און ווי מיט פּריסעק אָנגעשאָטן
קאַלטן שייַן פֿון מאָרגנשטערן.

דערמאָנונג,
מאָנונג,
ווידערקלאַנג.
און ווער וועט איצטער מיר פֿאַרגעבן

פֿאַר דעם ווידערווילן צו דעם לעבן,
פֿאַר ווידער לעבן — דעם געדאַנק?
אויג פֿון זון
מיט בלינדקייט קראַנק.
נאָר דורך זיפּן שוואַרץ און בלאָ
זיפּט זיך זונשייַן, זיפּט זיך פֿאַרט
אין פֿרי-פֿאַרטאָגעדיקן וואַרט.

אַ וואָרט נאָך

אָנשטאָט אַ נאָכוואָרט. תּם ונשלם, אויב אַזאַ זאַך איז דאָ. צוזאַמענגענומען אַ סעריע לידער, געשריבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן, און זיי יאָ און ניט געסדרט, ווייל די דילעמע איז געווען, ווי אַזוי סדרן: כראָנאָלאָגיש, טעמאַטיש?

זײַנען עס איינצלנע לידער, אַרײַנגענומען אין טאָוולען. גרעסערע פּאָעמעס גייען דאָ ניט אַרײַן, פֿאַרלויפֿיק, און אויך ניט אַלע לידער, וואָס ליגן אין די שופֿלאָדן זײַט יאָרן, מפֿוזר ומפֿורד צווישן זשורנאַלן און צייטשריפֿטן פֿון גאָרער וועלט. אונדזערס אַ פּאָעט, מעג ער זײַן אַפֿילו אין אַ העק, ווײַט פֿון גרויסע ליטעראַרישע צענטערס, איז ער במילא אַ וועלט־תּושבֿ. צוליבֿ דעם אַליין וואָס די וועלט גופֿא איז הײַנט אַ פֿאַרקלענערטע, און אונדזער וועלט — אַוודאי.

דער אונטערגאַנג פֿון די גרויסע קהילות אין איראָפּע האָט אונדז אויך דאָ דערגרייכט און חרובֿ געמאַכט אונדזער שעפֿערישקייט. שרײַבן מיר פֿאַרן אומגעקומענעם לייענער?... די רעשטן פֿון דעם עלטערן דור דאָ גייען אַוועק, און דער נײַער דור האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין פֿרעמדע גערטנער. ייִדיש איז פֿאַר אים אַ פֿרעמדע שפּראַך, ער לערנט זי אויך אין די שולן בעל־כּרחו — דעם אמת איז ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן.

און גראָד די יצירה אין ייִדיש האָט זיך געשטאַרקט, ווי זי וואָלט אויפֿגעגאַנגען מיט אַ נײַעם כּוח. שרײַבן מיר. און קיינער וועט

אונדז ניט ערבֿ זײַן, אַז מע וועט אַ מאָל לייענען און אַפֿילו פֿאַרגע־דענקען, וואָס מיר שרײַבן. מיר, ייִדישע פּאָעטן, די עלנטסטע אין דער וועלט, פּאָעטן אָן יונגע לייענערס — באַגײַסטערטע פּאָעטישע אָפּנעמערס.

האָט עס בײַ מיר אָוועקגענומען דעם חשק אַרויסצוגעבן די לי־דער מײַנע אין בוכפֿאָרעם, ניט געקוקט אויף דעם וואָס חבֿרים און פֿרײַנד, ד אָ און א ו מ ע ט ו ם, האָבן מיך געבעטן: „גו, ווען וועס־טו שוין אַרויסגעבן אַ בוך?"... דאָ איז עס געווען מײַן ליבער חבֿר לייבל באַיאָן /ווען מען איך ווינטש אַ רפֿואה שלמה!/, אַ גוטער לי־דער־לייענער און אַ גוטער מבֿין נאָך פֿון צײַטן פֿון „יונג־ווילנע". און חבֿר אַבֿרהם סוצקעווער האָט ניט אויפֿגעהערט מיך צו מונטערן: „גיב שוין אַרויס דײַן „קאַלאַן", דײַנע לירישע לידער!"

און דאָ יאָגט אָן די רײַפֿקײַט פֿון יאָרן, און איך זאָג זיך אַליין: „טאַקע, אפֿשר שוין צײַט פֿאַר סך־הכּל? און — ווי איך זאָג ערגעץ אין אַ ליד — „טאָמער קומט דער קורצער פּרײַטיק און איך בין נאָך ווײַט, נאָך ווײַט ניט פֿאַרטיק"....

נעם איך די „אַליינע, וואָס נעמען זיך צונויף און ווײנען" — און איך גיב זיי אַ שטיקל תּיקון....

: : :

ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך מײַן בוך „טריט אין די בערג" אַרויסצוגעבן אין פֿאַרלאַג „ח ו ר ב ן", וואָס איך האָב, ווײַזט אויס, ערגעץ אין אונטערבאַווסטזײַן, פֿאַרגעפֿילט. איצט איז אונדזער פֿאַרלאַג־וועזן אַ פּיקטיוועך, ביכער פֿאַרקויפֿן זיך ניט אין די טויזנטער, עס זאָל זיך לוינען די פֿאַרלאַגן אַרויסצוגעבן ביכער אין ייִדיש... גיב איך אַרויס דאָס בוך אין אייגענעם פֿאַרלאַג — „כּר מל־אַרט". און דאָס דאַרף זײַן דער ערשטער באַנד פֿון מײַנע לידער א"נ „פֿ ו ן מ ײַ נ ע נ ע ־ ו נ ד ן".

אַ סך פֿון די לידער אין דעם בוך זײַנען טאַקע געשריבן גע־וואָרן אין נע־ונד, צווישן הימל און ערד, אין די „הימלישע" נסיעות

לאַנגע יאָרן איבער קאָנטינענטן, פֿאַרבונדן מיט מײַנע געזעלשאַפֿט־לעכע אַרבעטן. ניט דערפֿאַר, וואָס פּאָעטן זײַנען ניט קיין מבֿינים אויף זייער אייגענעם שאַפֿן, נעם איך אַרײַן אין דעם בוך טייל לי־דער, בעיקר פֿון די יזכור־מאָטיוון, וואָס זיי באַפֿרידיקן ניט הײַנט מײַן פּאָעטישן נוסח. זיי זײַנען אָבער שטיקער פֿון מײַן ביאָגראַפֿיע און פֿון דער ביאָגראַפֿיע פֿון מײַן בלאָנדזשענדיקן דור — עס איז ניטאָ קיין אָנטריגונג...

און לידער זײַנען — אין תוך — ביאָגראַפֿישע דאָקומענטן מיט לירישע קנייטשן.... שרײַב איך אָבער ניט קיין עסיי... דאַרף מען שטעלן אַ פּונקט.

: : :

איך וויל דאָ אויסדריקן מײַן עפֿנטלעכן דאַנק דעם חבֿר שואל פֿערדמאַן פֿאַרן צולייגן אַ האַנט בײַם צונויפֿשטעלן דעם בוך און אויפֿמערק אויף זײַן קאָרעקטן אויסזען.

אויך דעם ייִדישן דרוקער, מאַנועל פּינטעל, קומט אַ דאַנק פֿאַר זײַן פֿריינדלעכער באַהאַנדלונג.

באַזונדער דאַרף איך אויסדריקן די אָנערקענונג דעם יובֿל־קאָ־מיטעט צו מײַנע פֿופֿציק יאָר, בראש מיט סאָלאָמאָן קאַהאַן, אבֿרהם פֿינקעלשטיין, ע"ה, און, — זיי צו לענגערע יאָרן — מאיר בערגער און סעם ווישניאַק, — דעמאָלט האָבן זיי געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַלע מײַנע ווערק, און פֿון דעם דעמאָלט געשאַפֿענעם פֿאָנד נוץ איך טייל־ווײַז דאָס פּאַפּיר פֿאַרן איצטיקן בוך.

אַ דאַנק אויך פֿאַרויס דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט פֿון דער אַש־כּנזישער קהילה, מיט טובֿיה מײַזעל בראש, פֿאַר זייער צוטראָג צום אַרויסגעבן ייִדישע ביכער.

יעקבֿ גלאַנץ

מעקסיקע, מערץ 1974.

ז ו כ צ ע ט ל

זײַט

א/ מײַן שבט נע־ונדער....

דער דאָרן אין מדבר 8
מײַן שבט נע־ונדער 9
מלחמה־לאַנדשאַפט 12
זיסקייט פון רו 13
די פאָן פון נעכטן 14
פון שלאַכט 15
מיט גוייִשע חנען 16
אין חלום פון דער היים 17
אַ קינד אין די וואָלקנס 18
ווענט 20
שומרים אין דער נאַכט 21
דער פאַסטעך פון תקוע 22
דער נביא 24
דער באַפרײַער 25
ניו־יאָרקער ראש־השנה 26
דער גאָט פון ישראל אויף איסט־סײַד 28
אימה אין די בערג 30
אַן אָפּגעפונענער 32
דער משפט 34
דער ייִדישער בוים 35
דער ציפור פון ציפערן 36
ולירושלים עירך 38
אַ זעונג בײַם ים־התיכון 40
אין באר־שבע 42
סוף־פסוק 43
באַלאַדע וועגן וואָלקנדיקן ייִדן 44
פאַרנאַכטיקע לאַנדשאַפט 46
אַ קאַרליקל אין מדבר 48
בײַם כנרת 50
בײַם ירדן 51
אין פאַרלוירנקייט 52
אַ ליכט אין טונקלקייט 54
איבערווענדונג 55
ירושלים 56

ב/ צייכנס און צירופים

דער פאָעט 60
מײַן ליד 61
אין הימלדיקן וואַנדער 62
מײַן וואָרט 64
דער אופן פון מײַן חלומען 66
געשטאַלטונג 68
אין געשריי נאָר 70
פאַרבליטער קראַטער 71
ליכט פון חלום 72
פאַרגעסנקייט 73
שגיי 74
אַדורכגעקרײַזט שוין 75
אַ מזבח 76
אין צימצום פון וואָרט 77
דער ים, דער ים 78
אין וואַלד 80
אַ טויב אין רעגן 82
שטיל פאַרוועלקטע בלעטלעך 83
אידיליע 84
מײַן טאַטנס שטעקן בליט 86
וואָרט 88
שניטצײַט 89

זײַט

מײַן זיידנס פֿערד און וועגעלע 90
„אין מעמאָריאַם“ 92
אַ טיש 94
און די וואָר איז געוואָרן אַ חלום 95
אין די הימלען פֿון די אַמעריקעס 96
נישט רויב מיך 98
מײַן ייִדישע טרער 99

ג/ גלעזערנע טירן

נאָך אַזוי פֿיל וואַנדערן 102
גלעזערנע טירן 104
קוואַלן 105
אַ שפּיגל בין איך 106
טעג אויף דער ערד 108
מיראַזשן 110
נאָכן שטורעם 111
אַ ווײַסער טאָל 112
אין דערמאָנונג 113
פֿאַרגענגלעכקייט 114
שפּיטאָל־לידער 116
אַ טײַך 118
איך בין מיד 119
אַ ווינט בין איך 120
פֿאַרלוירענע פֿרייד 121
דאָס האַרץ 122
גיי זײַ אַ העלד 123
קליינע נאַכטמוזיק 124
פֿורעמער פֿון אייביקייט 129
שקיעה אויפֿן ים 130
דערמאָנונגען 132
אָנהייב טאָג אויף מאָנומענטן 134
גלאָזיקע וועגן 135
בערג 136
אין דאָרף 137
אין טאָג 138
דו זאָגסט 139
ברינעמער אין מדבר 140

ד/ אָוונטיקע וועגט

זײַט

שפּעטנאַכטיקער געראַנגל 144
אָוונטיקע וועגט 145
לידער פֿון פֿאַרנאַכטן 146
אין צווישנליכט 148
מיט גלאָז אין די הענט 150
נאַכט־וואַריאַנטן 152
אָפּגרונטן 154
ביז אָוונט כ׳וועל וואַרטן 156
דער וואָלף 157
די שאָף אין רו 158
נאַכט־פֿאַרוואַנדלונג 159
אין אָוונטיקער ווײַטקייט 160
פֿרויענפֿרייד 162
פֿלעקן אויף שויבן 163
צייריכער אָזיערע ביי נאַכט 164
דער אָנחלומדיקער גאַסט 165
פֿון טיפֿן חלום־ים 166
קום אין אָוונטפֿאַל 167
אַ שאָטן אין דער נאַכט 168
אין אַן אַנדער געשטאַלט 172
אַ חלום אין אַ חלום 173
אין אַן אַנדער געשטאַלט 174
עס פּיקט זיך אַ טאָג 176
כּישוף 177

זײַט		זײַט

ה/ פּיוטים

אין שײנקײט וואָס פֿאַרגײט	180
אַ וועג	185
באַרגאַרױפֿגאַנג	186
װי דער שאָטן ביסטו	187
אין הערבּסט פֿון פֿאַרבלײַבן	188
אין װײַטער אַזיערע	190
שבתדיקער גאָרטן	191
זונפֿאַרגאַנג	192
נײַע פּיזאַזשן	193
אלול	194
סעפּטעמבער אין סקווערן	195
אַ באַרג אין די אַנדן	196
אַן אַנדער באַרג	197
סילענטיום	198
נאַכטאַנפֿאַל	199
זון אויף בערג	200
סך־הכל	201
פֿון ציקל „פּעטיט־פּיוטים"	202

ו/ טאָגבוך פֿון טרויער

שטילקײטן, אַלײנען	206
אײנזאַמקײט	208
עלעגישע שורות אויפֿן קבֿר פֿון אַ פֿרױ	210
פֿאַרגענגלעכקײט	216
אַ הײזער־גײער	217
אַ פֿרױ פֿון זאַלץ	218
די מוילוואָרפֿן פֿון זינד	219
װײַטיק	220
אַ שיף אָן אַ רודער	221
אַ װינט	223
שרעק	224
אַזױ אין רו צו שטאַרבן	225
שוואַרצער טאַנץ	226
יזכּור־לידער	227
האַרבסטיקע בײמער	231
אין מרחק	232
טאָגבוך פֿון טרויער	234
נאָכוואָרט	243

JACOBO GLANTZ

FUN ALE NA-WENADN

(DE TODAS LAS DEAMBULACIONES)

Ediciones Carmel-Art. Poesía 2. 1974.

IMPRENTA MODERNA PINTEL, S. A.
Dr. Garciadiego No. 28
México 7, D. F.